NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08205

VORT UN BILD

Sharah L. Liebert

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-08205-8

9780657082055T.PS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

שרה ל. ליבערט

וואָרט
און
בילד

דאָס ערשטע בוך

צייכנונגען
פון
נאָטע קאָזלאָווסקי

MICROFORM

שרה ל. ליבערט

וואָרט

און

בילד

דאָס ערשטע בוך

צייכנונגען
פון
נאָטע קאָזלאָווסקי

פאַרלאַג מתנות ניו־יאָרק

נאָטע קאָזלאָווסקי

ארויסגעגעבן פון
פ אַ ר ל אַ ג מ ת נ ו ת
באַם
שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

Copyright, 1933
by Sarah L. Liebert
New York

Myold Printing Co., Inc.
161 Grand St., New York

בוך און שפּיל

(פאָרוואָרט)

דאָס דאָזיקע לערנבוך „וואָרט און בילד" איז בלי ספק א וויכטיקער צושטייער צו אונדזער ליטעראַטור פון דעם מין. דער צונויפשטעלערין, שרה ל. ליבערט, איז געלונגען אַריינצוברענגען דעם שפּילעלעמענט אזוי לעבעדיק אז עס וועט האָף איך, אַרויסרופן א דערפרישנדיקע טעטיקייט אין אָנהייבער קלאַס.

איך האָב תמיד געפילט אז די מעטאָדישע טעכניק אין אָנהייבער קלאַסן דאַרף ניט דירעקטגעפירט ווערן דורך ביכער. ביכער זענען צו פיקסירט; עס ווערט פשוט מאָנאָטאָן פאַרן אויג און אינטערעס פון קינד צו קוקן טאָגאיין טאָגאויס אויפן זעלביקן בילד. דער עיקר איז אָבער וואָס דאָס לערנבוך דערלאָזט ניט קיין צו ברייטע גרענעצן פאַר שפּיל, איינפאַל און פרייע באַוועגונג פאַר פאַנטאַזיע און געדאַנק.

אָבער א חוץ דעם וואָס דאָס בוך האָט אין זיך אויך באַזונדערע מעלות וואָס מען טאָר ניט לייכט איגנאָרירן, איז א פרייערע טעכניק ניט נאָר קיין געוואונטשענע זאַך און בכלל שווער דורכצופירן אין אונדזערע שולן. עס איז דעריבער א שווערע עבודה פאַר דער מעטאָדיק פון אָנהייבער קלאַסן צו שאַפן אזא צוגאַנג וואָס זאָל פאַר־בינדן, אויף ווי ווייט דאָס לאָזט זיך, די מעלות פונעם לערנבוך מיט די מעלות פון פרייער שפּיל, וואו עס וועלן געגעבן ווערן רייכע מעגלעכקייטן די פונקציעס פון דער פאַנטאַזיע און דעם אינטעלעקט פון קינד. און אין דעם זינען איז דאָס דאָזיקע לערנבוך א צושטייער פון א גאַנץ געהייבענעם ווערט.

שוין אין 1281 האָט דער שפּאַניש־אידישער פאַבלדיכטער, יצחק בן שלמה בן אבי סהולה, געשריבן אין דער הקדמה צו זיין בוך „משל הקדמוני", אז „בכדי מיין „משל הקדמוני" זאָל געפעלן און באַליבט זיין אויך בא קינדער און זיי זאָלן מיט חשק לייענען מיינע אַלע משלים האָב איך זיי אויסגעצירט מיט שיינע בילדער און אילוסטראַציעס". אָבער דאָס ערשטע אילוסטרירטע בוך וואָס איז טאַקע ספּעציעל געשאַפן געוואָרן אויף צו לערנען מיט קינדער שפּראַך איז דערשינען ערשט אין 1657. דער פאַטער פון אָט דעם בוך איז דער באַרימטער טשעכישער מעטאָדיקער און פּראַקטיקער פון דערציאונג, יאָהאַן עמוס קאָמעניוס, און דאָס בוך Orbis Pictus Sensualium איז טאַקע פון דעמאָלט אָן געוואָרן דער קלאַסישער ביישפּיל פאַר אַלע שפּעטערדיקע לערנביכער. היינטיקע צייטן איז כמעט אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן א לערנבוך פאַר קינדער אָן בילדער.

אויף אזוי ווייט האָבן יצחק בן שלמה און קאָמעניוס אָנגעוויזן א וועג פון וועלכן קיינער וועט היינט ניט וואָגן אָפּצוטרעטן. אָבער שרה ל. ליבערט פאַרבינדט זיך מיט די וואָס גייען א טראָט ווייטער און נוצן אויס דאָס בילד ניט בלויז אויף אילוסטראַציעס — אפילו דאָס וואָרט ווערט דאָ ניט אָוועקגעשטעלט בלויז ווי א שפּראַכלעכער עלעמענט — נאָר סיי בילד, סיי וואָרט ווערן מאַטעריאַלן און פרייער סיסטעם פון שפּילטעטיקייט.

איך זאָג „פרייע סיסטעם" ווייל עס איז גאָר ניט נייטיק אז דער לערער זאָל זיך באַגרענעצן מיט די שפּילפאָרמען וואָס די צונויפשטעלערין האָט געהאַט אין זינען בעת דער פּלאַן פון דעם בוך איז צייטיק געוואָרן אין איר געדאַנק. וואָרים „וואָרט און בילד" קאָן אויסגענוצט ווערן אויף פאַרשידענע אופנים, און יעדער לערער מיט גענוג כוחות פאַר אייגענע מעטאָדישע איינפאַלן וועט דאָ געפינען א פיינע אַטמאָספערע פאַר שטענדיקער אָרדענונג. און ניט בלויז שפּיל מיט די אָנגעגעבענע מאַטעריאַלן, נאָר לויטן כאַראַקטער פונעם בוך קען מען אפילו אויסלאָזן וואָס מען וויל און אַריינברענגען עפּעס אַנדערש וואָס פּאַסט זיך אַריין אין דער אַלגעמיינער סכעמע. די סכעמע איז באמת גענוג ברייט מען זאָל קענען מאַכן פאַרשידענע ענדערונגען לויט פאַרלאַנג און געלעגנהייט, און דאָך סטימולירן די זעלביקע שפּיל און גאָר ניט מקריב זיין פון לערן־רעזולטאַטן אויף וועלכע מיר דאַרפן זיך נאַטירלעך ריכטן.

דערין באַשטייט די צווייטע גרויסע מעלה פונעם לערנבוך, א מעלה וואָס קיין לערער וועט זיכער ניט גרינגשעצן.

עס איז א גרויס פאַרגעניגן צו באַגריסן א נייעם גאַסט אין אונדזער ניט צו רייכער שול־ליטעראַטור, בפרט נאָך א גאַסט מיט גאַנץ אייגנאַרטיקע פאַרדינסטן.

ליבוש לעהרער.

איינלייטונג

דאס בוך „ווארט און בילד“, דער ערשטער טייל פון צוויי ביכער אנצוהייבן לערנען אידיש, איז א רעזולטאט פון א פיר־יאריקן עקספערימענט. דער מחבר האט באנוצט דעם מעטאד· פון לערנען אידיש דורך בילדער מיט איבער פיר הונדערט קינדער. די רעזולטאטן זיינען געווען: 1 — די קינדער האבן זיך זייער שנעל אויסגעלערנט לייענען און שרייבן אידיש. 2 — די קינדער האבן באקומען א גרויסן וואקאבולאר. 3 — די ארבעט איז געווען אינטערעסאנט, ווייל דאס מאטעריאל איז קאנקרעט אנשטאט אבסטראקט. 4 — דער מעטאד האט געגעבן א געלעגנהייט די קינדער צו פארווענדן זייערע דערגרייכטע ידיעות אין זעלבסטשטענדיקער ארבעט· גלייכצייטיק· האט עס סטימולירט זייער אויסדרוק־פייאיקייט אין אידיש, גלייך פון אנהויב פון לימוד·

דער מעטאד איז געבויט אויף דער הנחה, אז דער אנפאנגער אין דער אידישער שול איז באמת נאר ניט קיין אנפאנגער.

די אידישע שול איז פאר דעם אידישן קינד די דריטע שול· די ערשטע שול איז די שול וואס קאמעניוס רופט אן „מוטערס שויס“ — די היים· אין אט דער שול האט דאס קינד פארבראכט פון פינף ביז זעקס יאר· די שפראך וואס דאס קינד האט געהערט און געלערנט איז· מיט א קליינער אויסנאם· געווען ענגליש· עס האט זיך באקענט מיט נעמען פון פארשידענע באשעפענישן און זאכן, און מיט קורצע לידלאך פון ענגלישע ביכלאך אדער פון דער גאס· א קינד פון פינף יאר קען שוין צענדליקע אזעלכע לידלאך·

די צווייטע שול איז די „פאבליק סקול“. די ערשטע אויפגאבע פון דער „סקול“ איז אויסצולערנען לייענען און שרייבן· אויסצונוצן און אויסצודריקן דאס אנגעזאמלטע וויסן אין געדרוקטער און געשריבענער פארם.

די אידישע שול איז אויף אזא אופן — ניט קיין ערשטע שול. איר אויפגאבע דארף ניט זיין צו געבן דעם קינד די ערשטע באגריפן און נעמען פון קאנקרעטע און אבסטראקטע זאכן. זי דארף אויך ניט באקאנען די קינדער מיט דער טעכניק פון לייענען און שרייבן. די ביידע אויפגאבן פון אן אנפאנג שול זענען שוין באזארגט געווארן. פאר דער אידישער שול שטייט די אויפגאבע אויסצונוצן אט די דערפארונגען פון תלמיד פאר אידישע צוועקן· דאס ערשטע מיטל דאס צו דערגרייכן איז אויסצונוצן דעם קינדס אנגעזאמלטע ידיעות דורך גיבן זיי א אידישן לבוש· און דער בעסטער מעטאד דערצו איז צו געבן דאס בילד פון דער זאך אדער באגריף, מיט וועלכן דאס קינד איז באקאנט· צוזאמען מיטן ווארט· בילד· באגריף און ווארט גיסן זיך אויף דעם אופן צוזאמען און געבן דעם קינד די מעגלאכקייט צו באנוצן זיך מיט זיינע דערגרייכטע קענטעניש; זיי מאכן אים רעדעוודיק· זיי דערלאזן ניט ער זאל בלייבן א שטומע באשעפעניש· וואס דאס אידישע קינד איז אפט אין דער אנפאנג שול.

לויט אונדזער מעטאד איז רעדן־דער באזיס פון אויסלערנען די שפראך· די בילדער זענען די וויזועלע סימבאלן פון די ווערטער וואס זענען אנגעזאמלט געווארן אין דער גערעדטער שפראך. דאס לערנען לייענען און שרייבן דארף פון אנהויב אן געבן א גרויסע מעגלאכקייט פאר אסאציאציעס מיט דער גערעדטער שפראך· מיר קענען דאס צום בעסטן טון דורך בילדער· יעדעס בילד וואס דאס קינד באגעגנט· רופט ארויס.

אן אסאציאציע מיט זיין פריערדיקן וויסן און א באדערפעניש אנצורופן די זאך מיט איר אידישן נאמען. דעם לערערס אויפגאבע איז צו זען אז דאס קינד זאל פארבינדן דאס ווארט מיטן אנגעגעבענעם בילד. דאס רופט מען אין מעטאדיק „דער פארקירצטער וועג". ווייל עס שפארט צייט, און גיט דעם קינד א געלעגנהייט צו פארקניפן די ידיעות, וואס עס האט שוין פריער, מיט דעם וואס עס זעט אין בוך. דאס בילד רופט אויך ארויס אן אינטערעס צו באקענען זיך מיט די נייע נעמען פאר די באקאנטע זאכן, און העלפט דעם קינד געדענקען דאס אידישע ווארט.

אזוי ווי אויף יעדן בלעטל זענען פאראן צוועלף בילדער מיט זייערע נעמען און א צאל אנדערע ווערטער, קען ממילא דאס קינד אויסקלויבן יענע זאכן, וואס פאר־כאפן גיכער זיין אינטערעס, און בויען זאצן לויט זיין אייגענעם איינזען.

טייל לערער, ווען זיי האבן זיך באקענט מיט דעם מאטעריאל, האבן געשטעלט דעם מחבר די פראגע: — וועלכן מעטאד באנוצט איר? — אויף דעם קען איך ענט־פערן, אז איך האב זיך באנוצט מיט אלע מעטאדן. אבער דערהויפט מיטן מעטאד, אויב מען קען דאס אנרופן מעטאד, פון אפעלירן צום קינדס אלע חושים, פון אויסנוצן דאס וואס דאס קינד ווייס שוין פון פריער. דאס נעמט אריין דעם וויזועלן מעטאד — קוק און לייען. עס נעמט אויך אריין דעם אנאליטישן וועג, צענעמען א ווארט אין קלאנגען און בויען פון זיי אן אנדער ווארט. דא גייט נאטירלאך אריין דער פאנעטישער מעטאד. דא האבן מיר פארשטייט זיך, שוין אויך צו טון מיט פינעטיק, מיט דעם פראצעס פון „צונויפבויען" און אויפבויען אלע גרעסערע איינסן.

מעטאדישע אנווייזונגען

דער לערער גיט די קינדער די ביכלאך און הייסט איין קינד איבערלייענען דעם נאמען פון דעם ערשטן בילד. אויב דאס קינד קען נאך ניט קיין אידיש וועט עס זאגן „דאג", דאן פרעגט דער לערער: „ווער ווייסט ווי מען רופט „דאג" אויף אידיש?" עס וועט זיך מסתמא געפינען א קינד וואס וועט זאגן „הונט" (אויב ניט זאגט עס דער לערער). דא דארף דער לערער אנווייזן אז דאס ווארט אונטערן בילד לייענט זיך „הונט". דערנאך הייסט ער די קינדער געפינען דאס ווארט הונט אין די קעסטעלאך. נאכדעם ווי אלע קינדער האבן געפינען דאס ווארט הייסט ער לייע־נען דאס צווייטע בילד. אין מערסטע פאלן וועלן די קינדער זאגן „העט". דער לערער באנוצט זיך דאן מיטן זעלביקן מיטל ווי באם ערשטן בילד. אזוי מיט די אנדערע ווערטער.*)

נאכן איבערלייענען די ווערטער אונטער די בילדער און אין די קעסטעלאך וואלט געווען גוט אז דער לערער זאל זיך באנוצן מיט ווייזקארטלאך. (פלעש קארטס). אויף יעדן קארטל איז פאראן א ווארט. די אותיות זענען אז אינטש די גרויס. מען קען דאס אפדרוקן אויף א סטענסל און מימיאגראפירן, אדער אפדרוקן מיט א באוועגלאכן שטעמפל א'ב.

דער לערער ווייזט דאס ווארט „הונט". די קינדער וואס געדענקען דאס ווארט וועלן לייענען, און די וואס געדענקען ניט, וועלן א קוק טון אין בוך און זען דאס ווארט אונטערן בילד. אזוי מיט אלע דורכגענאמענע ווערטער.

אויף אזא אופן געוויינען מיר צו די קינדער צו שנעלער אריענטאציע און שנעלן לייענען. מיר גיבן זיי ווידער אמאל א געלעגנהייט צו פארבינדן דעם געזעענעם סימבאל פון א זאך מיט דעם געהערטן קלאנג פון ווארט.

די קינדער זיינען יעצט צוגעגרייט צו באנוצן דעם פאנעטישן מעטאד, געבויט אויף די אויסגעלערנטע ווערטער. נאכן איבערלייענען די ווייזקארטלאך פרעגט דער לערער: „וועלכע קלאנגען חזרן זיך איבער אין אלע ווערטער? — אדער — מיט וואס

*) דאס בוך איז צוזאמענגעשטעלט געווארן אין אמעריקע. איז עס פארשטענדלאך, אז פאר די ביישפילן וואס ווערן דא געבראכט, איז באנוצט געווארן די ענגלישע שפראך. דאס בוך קען אבער גענוצט ווערן אומעטום וואו עס לעבן אידישע קינדער.

פאַר אַ קלאַנג הויבען זיך אַלע ווערטער אָן? וואָס איז דער צווייטער קלאַנג אין יעדן פון די ערשטע דריי ווערטער? א. א. וו.

נאָכדעם ווי די קינדער ענטפערן אויף די פראַגעס שרייבט דער לערער אויפן ברעט (מיט געדרוקטע אותיות) די ווערטער „האָן" און „הוט". ער הייסט די קינדער איבערבייטן די לעצטע קלאַנגען פון די צוויי ווערטער, שטעלן דעם „ט" וואו דער „ן" און דעם „ן" וואו דער „ט" און לייענען די נייע ווערטער. ער שרייבט נאָכדעם אויפן ברעט „העגט" און „האָרף", הייסט די קינדער נעבן דעם צווייטן קלאַנג פון „העגט" און דעם דריטן קלאַנג פון „האָרף". דער לערער ווייזט די קינדער אַז מען קען פון די פאַר ווערטער מאַכן זאַצן ווי: „ער האָט אַ האָרף, ער הערט. ער טוט אָן אַ הוט, א. א. וו.

דערנאָך בעט דער לערער די קינדער אַז זיי זאָלן מאַכן זאַצן מיט די ווערטער אונטער די בילדער. ער דאַרף אויפשרייבן די זאַצן וואָס די קינדער האָבן געבויט אַז זיי זאָלן זיי קאָנען לייענען פון ברעט.

נאָך דער אַרבעט פון בויען זאַצן פון די געדרוקטע ווערטער דאַרף דער לערער גלייך איבערגיין צו דער שרייבטאַבעלער לעקציע. ער ווייזט אָן אַז אַלע קלאַנגען וואָס גייען אַריין אין די ווערטער אונטער די בילדער, זיינען אָפּגעדרוקט אונטער די קעסטעלאַך. ער ווייזט דעם פראָצעס פון שרייבן: ה, ר, ק, ט, ש, נ, ן, און זעט קעסטעלאַך. דערנאָך אַז די קינדער זאָלן געהעריק אויסנוצן די שרייבבלעטלאַך פון סוף בוך. דערנאָך דאַרפן די קינדער איבערלייענען די ווערטער אין די קעסטעלאַך און שרייבן זאַצן מיט זיי. דער וועלביקער פראָצעס ווערט אָנגעפירט מיט אַלע בילדער.

די אַרבעט מאַכט די קינדער אַקטיוו און סטימולירט איניציאַטיווע. דער פראָצעס פון אליין בויען ווערטער און זאַצן, ביי מינדלאַך ביי שרייבטלאַך, און דאָס לייענען פאַרן קלאַס גלייך בא דער ערשטער לעקציע, ווערט אַ לעבעדיקע שפּיל אַנשטאָט אַ רוטינע אַרבעט. יעדעס קינד פּלייבט זיך אַרויסצואווייזן וואָס עס קען, און דאָס ברענגט אַריין אַן אינטערעס אין לערנען. דער לערער קען באַשטימען אַ פאַר מינוט אויף'ן בויען זאַצן און ווען ווער עס וועט אויפשרייבן מער. די דאָזיקע אַרבעט גיט אים אַ געלעגנהייט צו העלפן יעדן קינד אינדיווידועל. דערהויפּט די ווייניקער פּיאַיקע.

„וואָרט און בילד" קאָן אויך באַנוצט ווערן אויף אַנדערע אופנים. יעדער לערער קען אויסנוצן די בילדער פאַר פאַרשידענע קלאַס אַרבעטן. פאַר זייער יונגע קינדער קען דער לערער זיך באַנוצן מיט אַ באַוועגלאַכן א'ב מימיאָגראַפירט אויף קאַרטאָן און צעשניטן אויף באַזונדערע אותיות. די קינדער קענען צונויפשטעלן ווערטער מיט די געדרוקטע אותיות. זיי קענען אויך באַנוצן קאָלירט קרייד אויף צו באַפאַרבן די בילדער פון די שרייבבלעטער, פון סוף בוך. אין דעם מחבר'ס עקספּערימענט האָבן עלף־יעריקע קינדער זיך געבעטן מען זאָל זיי לאָזן פאַרבן די בילדער. אַזאַ אַרבעט דערנענטערט דאָס בילד צום קינד, מאַכט עס היימישער ביי מיטן בילד סיי מיטן וואָרט. דאָס קען אויך באַנוצט ווערן אויף היים אַרבעט.

עלטערע קינדער, וואָס קענען אַביסל לייענען, נאָר קענען נאָך ניט מאַכן קיין פאַרבינדונגען, דאַרף דער לערער היבן באַשרייבן די בילדער בעל פה. דער מחבר האָט אין איין פאַל באַקומען אַכט איינגעשאַפטווערטער צום בילד „הויז". פון דעם קען מען לייכט אַרויסזען, אַז די בילדער קענען אויך אויסגענוצט ווערן אויף גראַמאַטישע איבונגען.

דאָס ערשטע בלעטל נעמט אַריין די קלאַנגען: ה, ר, ק, ט, ש, נ, ן, א, אָ, ע, ז, י, וו. אין פלוג דערשרעקט מען זיך, אַזוי פיל קלאַנגען פאַר דער ערשטער־לעצקיע. די לערער מוזן אָבער געדענקען אַז מיר לערנען זאַבן און ניט קיין קלאַנגען, אַז דאָס רוב זאַכן איז באַקאַנט די קינדער פון פריער. אויב אָבער אַ לערער געפינט אויס אַז זיין קלאַס קען ניט לערנען אַלע צוועלף ווערטער אויף איין מאָל, קען ער לערנען בלויז ניין, אָדער זעקס.

אין דעם צווייטן בלעטל קומען צו די קלאַנגען: ל, פּ, פֿ, אין דריטן: ד, ג, אין פערטן: ב, אין פינפטן: מ, ס, יי, אין זעקסטן: יי, אין זיבנטן: וו, ך, און דער שטומער „א", אין אכטן: כ, אין ניינטן: צ, ם. אין צענטן: ץ. דאָס עלפטע בלעטל וויל בלויז צוגעוויינען צום „ם" און צו די טאָפּלטע קאָנסאָנאַנטן. אין צוועלפטן בלעטל גייען אריין די דיפטאָנגען: זש, טש, דזש, שטש.

נאָך יעדער לעקציע דאַרף דער לערער פרעגן: וואָס פאַר א נייער קלאַנג איז אריין אין דעם בלעטל? ער דאַרף זען אז די קינדער זאָלן באַנוצן דעם קלאַנג ביים בויען זאַצן.

נאָך די לעקציעס מיט בילד און וואָרט געפינען זיך פיר בלעטלאַך בילדער פון קינדער לעבן מיט זייערע פאַרשידענע שפּילערייען. דאָס איז געצילט צו־געבן די קינדער א מעגלאַכקייט איבערצולעבן זייערע עמאָציעס אין אידיש. דער לערער דאַרף זען די קינדער זאָלן איבערגעבן אי מינדלאַך אי שריפטלאַך זייערע דערפאַרונגען מיט די אָנגעגעבענע שפּילערייען. די בילדער דאַרפן זיין אַן אָנרעגונג דערצו.

א פּאָר ווערטער וועגן דעם לייען מאַטעריאַל:

דער מחבר האָט זיך באַמיט צו צוקלייבן מאַטעריאַל וואָס שליסט איין: ראשית: — זאַכן וואָס די קינדער האָבן געזען אויף די בילדער. צווייטנס: אז די לידער און מעשה'לאַך זאָלן האָבן אַן אינטערעסאַנטן אינהאַלט, און זיין אַזוי קורץ און שפּילעוודיק, אז יעדעס קינד זאָל קענען איבערלייענען א גאַנצע זאַך. און גלייך פון דער ערשטער וואָך ווערט דאָס קינד אַריינגעפירט אין גאָרטן פון דער אידישער ליטעראַטור. דער לערער דאַרף זען אז יעדעס קינד זאָל זיך אויסלערנען אויף אויסווייניק די קורצע לידלאַך, ווערטלאַך און שפּריכווערטער. דאָס קען אָפּט געטאָן ווערן קאָלעקטיוו אין קלאַס.

אין דער ארבעט מיטן מאַטעריאַל און דערנאָך אויבן בוך האָט דער מחבר געהאַט איין ציל: אַריינצונעמען דאָס קינד שנעלער און גענטער אין דער אידישער סביבה. דאָס צווייטע בוך איז א ווייטערדיקער טראָט אין דער דאָזיקער ריכטונג. צו דער ציל וועט הערגרייכט ווערן, בלייבט איבער צו זען.. איך בעט די לערער וואָס וועלן זיך באַנוצן מיטן בוך אָנצואַווייזן סיי אויף די מעלות סיי אויף די חסרונות.

צום שלוס וויל איך אויסדריקן א האַרציקן דאַנק פריינט און קאָלעגע ש. שאַפּירא פאַר זיין וואַרימער דערמוטיקונג אָנצוגיין מיט דער ארבעט אין דער צייט פון דעם עקספּערימענט און פאַר איבערלייענען דעם גאַנצן לייען מאַטעריאַל ביים צוזאַמענ־שטעלן דאָס בוך און פאַר סוגעסטיעס און אָנווייזונגען. א האַרציקן דאַנק אויך די קאָלעגן, לייביש לעהרער, יואל ענטין און פּ. געליבטער פאַר איבערקוקן דעם מאַטעריאַל, און פאַר זייערע גוטע אָנווייזונגען. א האַרציקן דאַנק אויך צו פריינט ליפּע לעהרער פאַר זיין הילף און מי אין דער ארבעט ביים צוזאַמענשטעלן און ארויסגעבן דאָס בוך.

ש ר ה ל. ל י ב ע ר ט.

אינהאַלט:

זייט

בוך און שפּיל (פאָרוואָרט) — לייבוש לעהרער
איינלייטונג — שרה ל. ליבערט
האָז, האָפּ, האָפּ — 14
הערי — 16
האָקן באָקן — י. קאַמינסקי — 18
ניט נאָר — 18
מילן מאַלן — ב. טעננער — 20
קינדער שרייבט — שלמה שניידער — 20
א ליד אַזוי — דוד ראַדין — 22
טעלער פאַל אַראָפּ — יצחק קאַצענעלנסאָן — 22
אינגעלע אינגל — נפתלי גראָס — 24
דאָס אייזל און דער לייב — י. שטיינבערג — 24
לויף און שפּיל — י. קאַמינסקי — 24
פאָלקס ליד — 24
וואָס מיר אזוינע זאָגן — נסתר — 26
מיכל און זיין שיכל — לאה ק. האָפמאַן — 26
שלאָף, שלאָף — לעאָן עלבע — 27
ער קען ניט — 27
שלינגען קערלאַך — א. וואָלעדניצקי — 28
דער בלינדער און דער הינקער — 28
איך בוי און פאָר — אידע מאַזע — 28
ציפּעלע — משה בראָדערזאָן — 30
די געשמאַקע באַרן — ל. מאַלסמאַי — 30
טייבן — י. ל. פּרץ — 31
די שוועבעלאַך זענען גוטע — רפאל גוטמאַן — 31
הינדעלע, הענדעלע — אידע מאַזע — 31
מאַשן האָב איך — י. קאַמינסקי — 32
דער לייב, דער בער און דער פוקס — ל. מאַלסמאַי — 32
בונעלאַך — קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — 32
איך קען א אינגל — ה. גאָלד — 32
דאָס קראַנקע קעצל — שרה באַרקאַן — 34
מאַמעלע מיטן נייעם קאָפּאָטעלע — לאה ק. האָפמאַן — 34
איך האָב ליב — ב. סמאָליאַר — 34
די קאַץ אין מאַרק — נחום יוד — 35
באַהעלטעניש — רפאל גוטמאַן — 35
איציק שפּיציק — ק. בענון — 35
די באָבע דאָבע — י. קאַמינסקי — 36
מיט א גולדענעם קרוג — יהואש — 38
דער קליינער מאָלער — אליעזר גרינבערג — 38
א בריוו — ל. מאַמעס — 39
זי שלאָגט זיך נאָך — יצחק קאַצענעלנסאָן — 39
האַרבסט — אברהם רייזען — 39
דאָס אינגל און די וועכטער — 40
האַרבסט — יצחק קאַצענעלנסאָן — 40
שפּיל — אסתר סיגאַל — 40

זייט

א נאַס — ל. וואַוניק — 42
צוויי זשאַבעס — נחום יוד — 42
געפרעגט און געענטפערט — ל. וואַוניק — 42
די האָק און די זעג — ל. מאַלסמאַי — 43
ווער ווייסט וואו? — רבקה גאַלין — 43
נאַטור קלאַנגען — דניאל טשאַרני — 44
קינדער — ב. בידולקאָווסקי — 44
וועטערדיקל — אפרים אויערבאַך — 46
זיין ניטש, זיין ניטש — ש. לאַנדינסקי — 46
טעדערלע האָפּ, האָפּ — ה. רויזנבלאַט — 46
וויג ליד — ב. י. ביאַלאָסטאָצקי — 47
נאָר קליינע קינדער — 47
פיפעס וויינען ניטש באַנאַכט — ה. רויזנבלאַט — 47
דער עפּל — הערשל — 48
א קינדער ביבל — ז. וויינפּער — 49
ציידלידער — אלעף בן — 49
אונדזערע טעג — נחום יוד — 50
די באַן — 50
בערה לעקער — ב. סמאָליאַר — 50
ווינטער — משה גראָזער — 52
אייגן גרינס — מאַני לייב — 52
קרוג געפרעגט — 52
אַט מאַכט דערפאַר — 52
מיט די שליטלאַך — נפתלי גראָס — 53
טענדערער און דאָס גראָז — ב. ביקאָוויץ — 53
אין שול — 53
דאָס הינטל — מאַני לייב — 54
שטיפערס — דניאל טשאַרני — 54
זינגען וואָס זיי קינדער וויגן — לעאָן עלבע — 55
קינדער — אידאַ קאַזאַווסקי־גלאַזער — 58
ביים טייכל — ל. מאַמעס — 58
הוידעלקע — משה שיפרין — 58
פישלאַך — ישראל גובקין — 58
אַנהויב פרילינג — אברהם רייזען — 59
פרילינג — י. ל. פרץ — 59
אויף רעדלאַך — י. גינזבערג — 59
רעגן — י. פאַפּעראַגן — 60
שטורעם — אליעזר גרינבערג — 60
קאַרוסעלן — י. גינזבערג — 62
זומער — נחום יוד — 62
קוקוק ליבער זומער — י. ה. ראַדאַשיצקי — 62
אייזל און גרייזל בויען א הייזל — לעאָן עלבע — 63
יאַנקעלע באַנקעלע — דוד ראַדין — 65
געפרעגט און געענטפערט — ל. וואַוניק — 65
ענטפערס אויף די רעטענישן — 66

וואָרט און בילד



הונט



הוט



הון



האָן



האָז



האָרן



האַנט



האַק



האַרף



הענט



הויז



הירש

הוט	הון	הונט	הינט	הינער	האַרף	האָרן	האַק	העק
האָז	האָזן	זעט	האַנט	הענט	הוישט	הויז	הירש	רוט
ער	זי	האָט	הירשן	האַרטע	הערט	רוים	הייז	זע
טו	ריר	אָז	האַקט	רויטן	הענרי	רירט	הערי	הים
אַ	ער	אַק	ראַזי	רויזן	האָר	זי	אַק	קעז

ה	ר	ק	ט	ש	ז	נ	ו	ה	אַ	אָ	ע	יי	ו	י
ה	ר	ק	ט	ש	ז	נ	ו	ה	אַ	אָ	ע	יי	ו	י



טיש



טיר



טינטער



טאפּ



טעלער



טעלעפאָן



שער



שעפעלע



שאפע



שיף



שאַל



שול

טיר	שאַל	שיף	טינטער	טעלעפאָן	שעפעלע	טאפּ	טיש	שער
שול	טישן	שיקן	טעלער	טעלעפאָנען	שאפע	שאַלן	שיפן	טירן
טעפּ	ריפט	שנעל	פּאַפּיר	טעלעפאָנירט	שערט	לויפט	ליפּן	הירש
אַף	זעט	הויף	שאַרפט	קאַפּיטאַן	פירט	האַק	פון	זי
זע	רום	האָט	הערט	שיפט	הויז	הונט	אַן	ער

ה ר ק פּ פֿ ח ל ט ש ז נ ן אַ אָ ע ײ ו י

ה ר ק פּ פֿ ח ל ט ש ז נ ן אַ אָ ע ײ ו י

האָפּ, האָפּ, האָפּ

האָפּ, האָפּ, האָפּ,
פֿאַלט פֿון טיש אַ טאָפּ.
אַ טאָפּ פֿאַלט פֿון טיש,
לויפֿט אָן אַ פֿיש.
לויפֿט אָן אַ שער,
לויפֿט אַהין,
לויפֿט אַהער
לויפֿט אַרויף,
לויפֿט אַראָפּ,
פֿאַלט פֿון טיש אַ טאָפּ.
האָפּ, האָפּ, האָפּ.

ש נ ע ל: פֿיר פֿורן פֿירן פֿולע פֿורן קאָרן.

ר ע ט ע נ י ש ן:

1. אַ לאַטע אויף אַ לאַטע און אַ נאָט.

ו ו ע ר ט ל:

ער האָט אַ קאָפּ אויף שרויפֿן.



פֿיש



פֿיר



פֿינף



פֿינגערל



פֿידל



פֿויגל



פֿור



פֿערד



פֿעדער



פֿאָטעל



פֿאַן



פֿאַנטאַן

פֿיש	פֿיר	פֿינף	פֿינגערל	פֿאַנטאַן	פֿאַנטאַנען	פֿויגל	פֿאַן	פֿידל
פֿערד	ערד	פֿור	פֿעלדער	פֿעדער	פֿאָטעל	פֿעלד	פֿאַנען	קאָפּ
אָף	פֿליען	דער	גרויען	פֿינגער	פֿאָטעלן	הויט	פֿון	טאָפּ
ער	אָפּן	ליגט	שפּילן	רעדער	פֿעדערן	האָט	די	זינגט
קען	זעט	פֿליט	שפּילט	טראָגט	גאלדן	פֿאָרט	זי	פֿירט

ה ד ק פּ פֿ ף ל ט ש ז נ ן ד ג אַ אָ ע ײ י

ה ד ק פּ פֿ ף ל ט ש ז נ ן ד ג אַ אָ ע ײ י

הערי

הערי האָט א לאַנג שטיק פּאַפּיר,
אויף לאַנגן שטיק פּאַפּיר האָט הערי :
א הון א האָן,
א שער א פּאָן,
א טעלער א טאָפּ,
א הונט און א קאָפּ,
א הירש און א האָרן,
א פעלד און קאָרן,
א האָז און א נאָז,
א טעלער און פיש,
די פיש אויפן טיש.
א הויז א רויז,
א רידל א פידל,
א שאָל א שאָל,
א האַק און אָל,
א טעפּל און א דעקל,
א פּור און רעדער,
א פויגל און א פעדער,
א האַמער און א פאַטעל,
ער האָט א פערד אין דער ערד.

ר ע ט ע נ י ש ן :

2. פינף פינגער און א האַנט.

3. האָט רעדער נאָר פאָרט ניט.

ז אַ ג ט ש נ ע ל : פינף פלינקע פישער פאַנגען פינף פאַנגען פיש.

ו ו ע ר ט ל :

ער שפּרינגט פון דער העלער הויט.



באַר



באַרן



באַראַבאַן



באַל



באַלאָן



באַלאָנען



באַן



באַנק



באַרשט



בער

בין



בינשטאָק

באַר	בער	באַל	באַלאָנען	באַראַבאַן	באַלאָן	באַן	באַנק	בין
בערן	באַרן	בינען	באַרשט	בינשטאָק	באַרשטן	בענק	פּאַלן	בילט
ער	הינט	זעט	באַנען	שטריקל	קלאַפּט	פֿאָרן	דער	זי
אַ	האָר	זינגט	הענגען	האָניק	בליען	האָט	קאָפּ	די
אַף	בילן	פינף	האָבן	פֿייגל	קויפֿט	הויז	לעקן	פון

ה ר ק פּ פֿ ף ל ב ד ט ש ז ג נ ן אָ אַ װ ע ו י

ה ר ק פּ פֿ ף ל ב ד ט ש ז ג נ ן אָ אַ װ ע ו י

האָקן באַקן

האָקן באַקן
קלינגען גלאָקן,
גלאָקן קלינגען
האָזן שפּרינגען
שפּרינגען האָזן
פון די גראָזן.
פון די גראָזן
שפּרינגען האָזן
האָקן באַקן
שמאַרקן דערשראָקן.

ז אָ ג ט ש נ ע ל: באָבע בערקע באַקט ברוין ברויט.
ברוין ברויט באַקט באָבע בערקע

ו ו ע ר ט ל א ך:
לאָזט אַ הונט אַף אַ באַנק, שפּרינגט ער אַפן טיש.
ער קען ניט אָפּטרעטן אַף אַ האָר.
היט דיר די פּעל.

ניט... נאָר

ניט געשטאַנען נאָר געגאַנגען
ניט געלעגן נאָר געהאַנגען
ניט געפלויגן נאָר געשפּרונגען
ניט געשפּילט נאָר געזונגען
ניט געלאָפן נאָר געפאָרן
ניט געפונען נאָר פאַרלאָרן



מיל



מאַשין



מאַלפּע

מאַן

מויז

מײַז

פֿוקס



מעסער



פֿוס

פֿיס



פֿאַס



פֿעסער

מאַן	מיל	מעל	מאַלפּע	מענער	מעסער	מויז	מײַז	מים
פֿוס	פֿיס	פֿאַס	מאַשין	מאַשינען	מאַלפּעס	פֿוקס	פֿוקסן	דאַס
זון	פֿון	עסט	פֿעסער	ברענגט	גרויסע	מאַלט	עסן	די
ער	זעק	מיקן	שנײַדט	שמירט	טראָגט	קאָרן	האָבן	זי
דער	קעז	ברויט	מאַלט	שײַנט	פּוטער	גאָפּל	לעפֿל	פּולע

ה ר ק ס פּ פֿ ף ב ד ל ט ש ז ג נ ן מ אָ אַ ע י ו װ ײַ

ה ר ק ס פּ פֿ ף ב ד ל ט ש ז ג נ ן מ אָ אַ ע י ו װ ײַ

ב. טענמער

מילן מאָלן

מילן מאָלן,
וועק מיט קאָרן,
מאָלן עס אַף מעל.
מילנער לויפֿן,
מעל פֿאַרקויפֿן,
קויפֿן בעקער מעל.
מאַמעס לויפֿן,
זעמל קויפֿן
פֿון דער בעקעריי.
קינדער שפּרינגען,
שרייען, זינגען,
שפּילן, שפּילן אַלעריי.

רעטענישן:
4. אַ בלאָער טעלער פֿול מיט אַרבעס.
5. ער טומלט מיט זיינע פֿליגל, קאָן אָבער ניט פֿליִען.

ווערטלאַך:
גאָלד שיינט פֿון בלאָטע אַרויס.
פֿון פּיטסטע פּעסער קומט דער טומל אַרויס גרעסער.
אַז מען האָט ברויט געפֿינט מען שוין אַ מעסער.

ש. שניידער

קינדער שרייבט

פֿון פֿיש אַ שיף
פֿון שאָל אַ שאַל,
פֿון מאַן אַ מאָן,
פֿון דיל אַ ליד,
פֿון שטאָט אַ שטאָט,
פֿון סערפּ אַ פּרעס,
פֿון שטאָל אַ שטאַל,
פֿון פּאַן אַ פּאָן,
פֿון זאַרג אַ גראָז,
פֿון טראָט אַ טאָרט.



עמער



ערָאָפּלאַן



עפּל



זעג



זייגער



זייגערל



רויז

רויזן



ראָב



ראָבן



ראָד



רעדער

עפּל	רויז	רויזן	רעדער	ערָאָפּלאַן	זייגער	ראָד	ראָב	ראָבן
זעג	זעגט	עמער	זייגערל	זייגערס	עמערס	פלים	ערד	מיר
מיט	האָט	פעלד	פעלדער	טיקטאַק	קלאַפּט	האלט	הערט	דער
די	פיר	ברעם	ברעטער	פעדערן	האלטן	זינגען	פּין	פיר
זי	זיי	רייבן	טראָגט	שטייען	שטייט	רויטע	גרינע	זעען

ה ר ק פּ פ הּ ב ד ט ש ל מ ס ג ז נ ן אָ אַ ע ױ י ײ ײַ

ה ר ק פּ פ הּ ב ד ט ש ל מ ס ג ז נ ן אָ אַ ע ױ י ײ ײַ

דוד ראַדין

אַ ליד אַזאַ

האָ, האָ, האָ!
אַ ליד אַזאַ.
הע, הע, הע!
זע, נאָר זע!
הי, הי, הי!
גיי, ניט פֿלי.
היי, היי, היי!

אַן געשריי.
הוי, הוי, הוי!
אַט אַזוי.
היי, היי, היי!
פֿון דאָס ניי.
הו, הו, הו!
פֿול מיט רו.

האָ, האָ, האָ!
מער ניטאָ.

יצחק קאַצענעלסאָן

עפּעלע פֿאַל אַראָפּ

עפּעלע האָפּ,
עפּעלע האָפּ,
עפּעלע עפּעלע
פֿאַל אַראָפּ.
עפּעלע זיס,
עפּעלע זיס,
פֿאַל פֿון ביימעלע
אַף מיינע פֿיס.

ר ע ט ע נ י ש ן:

6. מען שטעלט עס קיינמאָל ניט קיין פֿראַגעס.
אָבער מען מוז עס שטענדיק גיין ענטפֿערן.

7. מען קען עס זען אָבער ניט אָננעמען.

8. עס האָט ניט קיין פֿיס, אָבער עס גייט.
עס האָט ניט קיין הענט, אָבער עס שלאָגט.

9. עס האָט פֿיס, אָבער גייט ניט
עס האָט פֿעדערן, אָבער פֿליט ניט.

ו ו ע ר ט ל:
ער פֿאַרלאַנגט דאָס טעלערל פֿון הימל.



אויג



אויער



אוירינגל



אוירינגלאך



אויוון



אוגערקע



אינגל



אינדיק



איי



אייער



אייזל



אייזקאַסטן

אויג	אויגן	אויוון	אויער	אויערן	אינדיק	אינגל	איי	איז
איי	אייזל	אײַז	אייער	איגערקע	איינער	איין	אויפן	אין
רייט	בראַנט	בראַגן	אינגלאך	אוגערקעס	מיידלאך	באַקט	רינט	זעט
איר	עסן	גרינע	אוירינגל·	אייזקאַסטן	פאַרטוך	מיידל	גוטע	אין
זי	וואַשט	וואַסער	אונדזער	אוירינגלאך	וואַקסט	קאַווע	קויפט	מיר

ה ר ד פּ פ ה ד ס ב ק ט ש ל נ ן מ ג ז וו א אָ ע ױ ו י אױ או אי אײ אײ

נפתלי גראָס

אינגעלע־אינגל

אינגעלע, רינגעלע־רינגל,
וואָס האָט אין די טאַשן דאָס אינגל ?
אַ שרייפל, אַ פייפל, —
אַ גלעקעלע־גלאָק,
אַ טעשל, אַ פלעשל,
דריי קיקלאַך, אַ זאָק
אַ ביינדל, אַ שטיינדל,
באַנבאַנעס אַ פּאָר,
אַ שטעקל, אַ פּלעקל,
פיר פערדישע האָר,
אַ הענדל, וואָס קרייט נישט,
אַ פערדל, וואָס גייט נישט, —
אינגעלע, רינגעלע־רינגל.

י. שטיינבערג

דאָס אייזל און דער לייב

דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָט דאָס אייזל געזען, ווי דער לייב שלאָפט. האָט זיך דאָס אייזל געוואונדערט און געפרעגט: שלאָפן דאָך די לייבן גלייך ווי מיר. — זיי האַלטן זייערע אויגן ווען זיי שלאָפן פונקט ווי מיר. — זיי לייגן אונטער זייערע פיס אונטערן בויך גלייך ווי מיר. טאָ פאַרוואָס איז דער לייב אַזוי באַרימט געוואָרן ?

דאָס האָט געהערט דער הונט, און געזאָגט: — דו נאַריש אייזל איינער, עס איז טאַקע וואָר! דער לייב שלאָפט אַזוי ווי אַן אייזל. אָבער ווען ער איז וואַך, איז ער דאָך אַ לייב.

י. קאַמינסקי

ליוּה און שפּיל

ליוּה און שפּיל,
שפּיל און ליוּה,
זינג און שפּרינג
אויפן הויף.
אויפן הויף
קינדער פיל, —
פריילאַך זיין
וועט די שפּיל.

פאָלקס־לידל

קעסטעלע, קעסטעלע,
גיב זיך אַ דריי!
ווינטעלע, ווינטעלע,
גיב זיך אַ וויי!
הענדעלע, הענדעלע,
גיב נאָר אַ קריי!
הינדעלע, הינדעלע,
לייג מיר אַן איי!

שוך

שיך



בוך



ביכער



בעכער



ליכט



לייכטער



האַנטוך



שאָך



שאַכטל

פֿרוכטן



פֿאָכער

אבט	ליכט	ביך	בעכער	האַנטוך	שאַכטל	שיך	שאָך	שוך
מאָן	זינגען	שטייט	פֿאָכער	פֿרוכטן	לייכטער	הייסט	הענט	פֿרוי
עסן	האָט	נאַכט	לאַכט	פֿאָכערט	ביכער	אויפֿן	ליגט	דער
אויף	טיש	האָבן	לייענט	טרינקט	ברענען	אינגל	גוטע	פֿון
איין	קריכט	מיידל	קויפֿט	געבראַכט	שפּילן	גרינגע	דאָס	אין
אין	טראָגן	קאָכן	ברוינע	לייכטערס	מענער	פֿרייען	די	איז

ה ר ק פּ פֿ ה כ ך ב כּ ט ש ד ג׳ נ ז ל מ א אַ ע ו י װ ײַ ײ

נסתר

וואָס טויג ־אַזוינע זאַכן?

1.

פויגל, וואָס ניט זינגען
טראַ־לאַ־לאַ!
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ,
טראַ־לאַ־לאַ!
פויגל, וואָס ניט זינגען
טראַ־לאַ־לאַ!
וואָס טויג אַזוינע זאַכן?
וואָס טויג?

2.

גלעקלאַך, וואָס ניט קלינגען
דין־דין־דאָן!
דין־דין־דין־דין־דין־דין,
דין־דין־דאָן!
גלעקלאַך, וואָס ניט קלינגען
דין־דין־דאָן!
וואָס טויג אַזוינע זאַכן?
וואָס טויג?

3.

פעדדלאַך, וואָס ניט שפּרינגען
היפּ־היפּ־האָפּ!
היפּ־היפּ־היפּ־היפּ־היפּ־היפּ,
היפּ־היפּ־האָפּ!
פעדדלאַך, וואָס ניט שפּרינגען
היפּ־היפּ־האָפּ!
וואָס טויג אַזוינע זאַכן?
וואָס טויג?

4.

קינדער וואָס ניט לאַכן
כאַ־כאַ־כאַ!
כאַ־כאַ־כאַ־כאַ־כאַ־כאַ,
כאַ־כאַ־כאַ!
קינדער וואָס ניט לאַכן
כאַ־כאַ־כאַ!
וואָס טויג אַזוינע זאַכן?
וואָס טויג?

לאה ק. האָפּמאַן

מיכל און זיין שיכל

מיכל האט אויסגעטאַן זיין שיכל און עס געוואָרפן אונטערן בעט. מיט אַמאָל איז אָנגעקומען אַ קאַרוסעל און אַלע קינדער פון הויז זענען געלאָפן זיך הוידען. האט מיכל געוואָלט לויפן, האט ער ניט געקענט געפינען זיין שיכל, האט ער אַזוי לאַנג געזוכט ביז די קאַרוסעל איז אַוועק.

איז מיכל געזעסן מיט איין שיכל און האָנט און געוויינט.

אַז זיין פּאַפּע איז אַריין אין הויז און געזען ווי מיכל האַלט איין שיכל און וויינט, האט דער פּאַפּע געפרעגט:

„מיכעלע וואָס וויינסטו?"

האט מיכל געענטפערט: „איבער מיין שיכל וואָס איך האָב ניט געקענט געפינען האָב איך פאַרזאַמט די קאַרוסעל."

„פאַרוואָס האָסטו פאַרוואָרפן דאָס שיכל?" האט דער פּאַפּע געפרעגט.

„איך האָב דאָך ניט געוואוסט אַז אַ קאַרוסעל וועט אָנקומען". האט מיכל געענטפערט.

ווערטלאַך:

אַז מע זוכט געפינט מען.
אַז מען וויל קען מען.
אַז מע ווייס ניט און מע וויל ניט, נעמט מען זיך ניט אונטער.

לעאן עלבע

שלאף, שלאף

שלאף, טייערע שלאף!
דער פאסטוך היט די שאף.
היט שאף און רינדער
היט אפ אלע קינדער.
אלע קינדער שלאפן
טיר און טויער אפן.
אפן טיר און טויער,
פארט אריין א פויער,
א פויער פארט אריין
מיט קארן און מיט ליין,
שלאף מיין טייערע איין.

ע ר ק ע ן נ י ט

מ א מ ע: בערעלע, פארמאך די טיר!
ב ע ר ע ל ע: מאמע, איך קען ניט.
מ א מ ע: טו א דריי דאס הענטל וועט זי זיך פארמאכן.
ב ע ר ע ל ע: מאמע, איך האב געדרייט, אבער עס פארמאכט זיך ניט.
מ א מ ע: טו א דריי שטארקער דאס הענטל.
ב ע ר ע ל ע: איך קען ניט דרייען שטארקער דאס הענטל, עס טוט וויי.

ר ע ט ע נ י ש ן:

10. ער האט א קרוין און איז ניט קיין קעניג,
ער זינגט און איז ניט קיין זינגער,
ער וועקט און איז ניט קיין זייגער. ווער איז ער?

11. וואס איז דאס וואס מען דארף און מען מוז שטענדיק געדענקען,
שטענדיק האלטן ווען מען גיט עס אן אנדערן?

12. וואו זעט איר מיך זייער אפט, וואו איר זייט קיינמאל ניט געווען
און וועט קיינמאל ניט זיין?

13. איך—בין ניט קיין קוסט, אבער איך בין פיל מיט בלעטער,
איך בין ניט קיין קלייד, דאך בין איך געניים,
איך בין ניט קיין מאן, ניט קיין פרוי, ניט קיין קינד,
איך האב אבער א רוקן, ווער בין איך?

14. וואס איז געווען מארגן,
וואס וועט זיין נעכטן?

15. איך געפין זיך אין שאל, אין פאל, אין קוואל, שטול, אין פיל, אין גריל
און קיינמאל גיט אין בער, אין שער, און מער. ווער בין איך?

א. װעלעדניצקי

שלינגען קערלאַך

שלינגען קערלאַך
איז געפּערלאַך
קינדער קליין און גרויס.
עסט איר פּרובט,
וואַרפט די קערלאַך אַרויס.

דער בלינדער און דער הויקער

אַ בלינדער אויף איין אויג טרעפט אַמאָל באַלד אין דערפרי אַ הויקער. רופט זיך אָפּ דער בלינדער: — אַ גוט מאָרגן, אַזוי פרי און דו טראָגסט שוין אַ פּעקל? ענטפערט דער הויקער: — עס מוז טאַקע נאָך זיין זייער פרי, ווייל דו האָסט ערשט געעפנט איין אויג.

אידע מאַוע

איך בוי און פאָר

און אַז עס רעגנט אין דרויסן,
וואָס מאַכט עס מיר אויס?
איך האָב מיר אַ וויג
און זי מיילן די גרויס.
און ביירברעטלאַך אויך
פון געל, רויט און גרין, —
וואָס איך זיי
אַהער און אַהין.
איך בוי מיט זיי שיפן
און שפּיל זיך און שפּיל
און פאָר אויף זיי
וואו נאָר איך וויל.

ר ע ט ע נ י ש ן:

16. פיר ברידער טראָגן איין היטל.
17. וואָס פאַר אַ וואַסער איז אָן זאַמד.
וואָס פאַר אַ קעניג איז אָן אַ לאַנד?
18. אָן אויערן און אָן אויגן אין פירט אַ בלינדן.

ו ו ע ר ט ל א ך:

אַ גוט וואָרט ברענגט אַ גוטן ענטפער.
ווענט האָבן אויערן, גאַסן האָבן אויגן.
נים דאָס איז שיין וואָס איז שיין,
נאָר דאָס איז שיין וואָס איז ליב.



ציבעלע

ציג



צימבל



צאם

צווייג



צוויט



צאנבערשטל



ציין



צוויי



צוועלף



צוואנציק



צוואנג

ציג	צווים	צוויי	צימבל	צוואנציק	ציבעלע	צוואנג	ציין	צאם
ציגן	צירל	צווייג	צוועלף	צאנבערשטל	צווייטן	דארפן	אויפן	מוזן
עסט	האט	קויפט	האלטן	מיידלאך	טרינקט	האט	לויפן	מיט
דעם	ריין	האבן	וואסער	אינגלאך	וואשט	האלט	לויפט	גיים
דער	אין	איז	איינער	אונדזער	ווארעם	ביים	מיר	ער
די	און	דאס	וואשן	אריבער	וואקסט	גארטן	זי	זיי

צ ב ק כ ך ה ר ס ד פ פֿ ז נ ש ט מ ם נ ן וו ע וי ו א י ײַ

צ ב ק כ ך ה ר ס ד פ פֿ ז נ ש ט מ ם נ ן וו ע וי ו א י ײַ

משה בראָדערזאָן

ציפּעלע

עס האָט די קליינע ציפּעלע
פאַרביסן זיך אַ ליפּעלע...

— אָי, ציפּעלע, וואָס ווײנסטו —
אַן עפּעלע — דאָס מיינסטו ?
— אָי, ניין, ניין, ניין —
ווער זאָגט עס, אַז איך וויין ?

עס האָט די קליינע ציפּעלע
פאַרקניפּט דאָס מויל—אַ קניפּעלע...

— אָי ציפּעלע, וואָס ווײנסטו —
צוויי עפּעלאַך — דאָס מיינסטו ?
— אָי, ניין, ניין, ניין —
ווער זאָגט עס, אַז איך וויין ?

און עס טרייסלט זיך איר קעפּעלע
צוזאַמען מיט איר צעפּעלע,
— אָי, ציפּעלע וואָס ווײנסטו —
דריי עפּעלאַך — דאָס מיינסטו ?
— אָי, ניין, ניין, ניין !
איך וויל אַ קוש — נישט מיין !

די געשמאַקע באַרן

(לויט ל. טאָלסטאָי).

א באַלעבאָס האָט געשיקט זיין דינער קויפן באַרן. דער דינער איז געקומען אין קראָם און געבעטן די געשמאַקסטע באַרן.

דער קרעמער האָט געפרעגט: „וויפיל באַרן?"

— פיר פונט — האָט דער דינער געענטפערט.

דער קרעמער האָט גענומען וועגן די באַרן. אָבער דער דינער האָט געזאָגט:

„ניין נים די, גים מיר בעסערע".

„פאַרזוך איינע וועסטו זען אַז די באַרן זיינען זייער געשמאַק", האָט דער קרעמער געזאָגט.

— ווי אַזוי וועל איך וויסן אַז אַלע זענען געשמאַק, אַז איך וועל פאַרזוכן נאָר איינע ? — האָט דער דינער געזאָגט, און ער האָט פאַרזוכט פון אַלע באַרן.

ווען דער באַלעבאָס האָט געזען די באַרן האָט ער גלייך זיין דינער אָװעקגעשיקט.

ר ע ט ע נ י ש:

19. אַן אַ האַק און אָן הענט,
אָן אַ דאַך און אָן ווענט,
אָן פענצטער, און אָן אַ טיר
מאַך איך אַ שטיבעלע פאַר מיר.

ו ו ע ר ט ל א ך:

אַז מען שיקט אַ נאַר אויפן מאַרק, פרייען זיך די קרעמער.
אַ בלינדער איז קראַנק אויף די אויגן,
אַ טויבער איז קראַנק אויף די אויערן,
אַ שטומער איז קראַנק אויפן מויל,
און אַ נאַר איז קראַנק אויף אַלע גלידער.

י. ל. פרץ

טויבן

ווערט נאָר טאָג אין טויבן הויז
פליגל קלאַפן: לאָזט אַרויס!
איפגעמאַכט דעם טויבנשלאַק,
און אַרויס מיט האַק און פּאַק.

די שוועבעלאַך זענען גוטע

אַ פאָטער האָט געשיקט זיין אינגל אין קראָם קויפן שוועבעלאַך. דאָס אינגל האָט געבראַכט די שוועבעלאַך. דער פאָטער וויל אָנצינדן, ברענען זיי ניט.

— וואָס פאַר אַ שוועבעלאַך האָסטו מיר געקויפט? זיי, זיי ברענען דאָך ניט.

— ניין פאָפע, ענטפערט דאָס אינגל, — די שוועבעלאַך זענען זייער גוטע, איך האָב אַלע איבערגעפרובירט אין אָנגעצונדן, האָבן זיי געברענט.

(רפאל גיבמאן, אידיש)

אײדע מאַזע

הינדעלע

הינדעלע, הינדעלע,
קווּאַ, קווּאַ,
וואו איז דיין נעסטעלע?
אָטאָ דאָ.
וואָס זיצסטו אין נעסטעלע,
און שרייסט אוי ווי?
דאָס זאָג איך אָן די ניים,
אַז איך האָב פאַר דיר אָן איי.

העענדעלע

העענדעלע, העענדעלע,
קעמעלע הויט,
איך האָב פאַר דיר קערענדלאַך,
ברעקעלאַך ברויט.
גיב מיר אַ פעדערל
גיב מיר צוויי,
וועק מיך צום אויפשטיין,
גיב מיר אַ קריי.

ר ע ט ע נ י ש ן:

20. וואָס איז דער אונטערשיד צווישן נעכטן און היינט אין דער צייט?
21. אין דערפרי גייט עס אויף פיר פיס,
מיטאָג צייט אויף צוויי פיס,
און אויף דערנאָכט אויף דריי פיס.
ווער בין איך?
22. ווייסע מויער, אַ געלע מויער. וויל מען צוקומען צו דער געלער מויער,
מוז מען צעברעכן די ווייסע מויער.
23. צוויי ברידער זיצן אויף איין בוים און זען זיך קיינמאָל ניט.

י. קאמינבקי

טאַשן האָב איך

טאַשן האָב איך,
טאַשן האָב איך
פול און פול מיט גאָר ניט!
אַרום עס מיך,
אַרום עס מיך,
טאָקע גאָר אַ האָר ניט.
קלינגט איך מיר,
קלינג איך מיר
מיט די פוסטע טאַשן.

לאָז איך זיך,
לאָז איך זיך,
צום קרעמל עפּעס נאַשן.
פרעגט מען מיך,
פרעגט מען מיך,
האָסט אַ פּעני צו באַצאָלן.
ענטפער איך,
ענטפער איך,
איך וועל פאַר איך דאָס מאָלן.

(לויט ל. טאָלסטאָי).

דער לייב, דער בער, און דער פוקס

— אַ לייב מיט אַ בער האָבן באַקומען אַ שטיק פלייש, און האָבן ניט געקאָנט מיטן פלייש זיך צעטיילן. האָבן זיי אָנגעהויבן זיך צו שלאָגן, און קיין איינער פון זיי האָט ניט געוואָלט נאָכגעבן. האָבן זיי זיך געשלאָגן און געשלאָגן ביז זיי זענען מיד געוואָרן. מידע זענען זיי געבליבן ליגן אויף דער ערד. אַ פוקס האָט דערזען דאָס שטיק פלייש האָט ער עס אַ כאַפּ געטאָן און איז דערמיט אַנטלאָפן.

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

בינעלאַך

איינס, צוויי, דריי
אַדער־לידער־ליי
עס זענען בינעלאַך געווען,
איך האָב זיי אַליין געזען,
איינס, צוויי, דריי
אַדער־לידער־ליי.

האָניק האָבן זיי געמאַכט,
פון פאַרטאָג און ביז פאַרנאַכט.
איינס, צוויי, דריי
אַדער־לידער־ליי.

האָט מען בינעלאַך פאַרנאַרט
און דעם האָניק אויסגעשאַרט,
איינס, צוויי, דריי
אַדער־לידער־ליי.

ה. נאָלד

איך קען אַ אינגל

איך קען אַ אינגל,
וואָס איז מער צינגל,
ווי אינגל.
גלעקלט מיטן צינגל,
נאָר קלינגל־קלינגל,
עס רעדט,
און רעדט, און רעדט!

וואַקסט זיך דאָס אינגל.
ווערט מער צינגל,
ווי אינגל.
שוין לאַנג, און לאַנג,
וואַקסט אַזוי דאָס צינגל,
נאָר דאָס אינגל אַליין,
איז נאָך קליין.



קאַץ



קעץ



טאַץ

שירץ



פּאַלאַץ



מאַטראַץ



האַרץ



האָלץ



קראַנץ



פּאַיאַץ



שטאַרץ



שפּריץ

קאַץ	טאַץ	קעץ	פּאַיאַץ	קראַנץ	האַלץ	קלאַץ	צימבל	צווײ
וואַלד	האָט	מיט	פּאַלאַץ	שטאַרץ	האַרץ	לײפּס	האַנט	אויפֿן
מיר	װאָגן	מאַכן	שפּריץ	קעצלאַך	מאַטראַץ	האַק	מאַן	גוט
אויף	אײזן	פֿעלד	װאַקסט	טאַנצט	שפּריצט	דער	איז	פֿון
אין	ליגט	האָט	האַקט	צווישן	ברענט	האַלט	אין	ער

ק ב ה ר ד כ ך פ פֿ צ ץ ל ז מ ם ט ש נ ן ג אָ אַ ע ו װ י ײַ ײ

נחום יוד

די קאַץ אין מאַרק

אײנס און צװײ, און הויך און שטאַרק!
גײט די קאַץ אַרױס אין מאַרק.
קױפֿן רעטאַך, קױפֿן ריבן,
קױפֿן אוגערקעס און כרײן!
קומט זי אױפֿן מאַרק צוגײן —
ערשט עס איז גאָרנישט ניט געבליבן.
װײס די קאַץ ניט װאָס צו טאָן, —
טו און מאַך — װאָס הױבט מען אָן!
כאַפּט זי ערגעץ װאו א בײן,
און אַנטלױפֿט אױף שנעל אַהײם.

ב אַ ה ע ל ט ע נ י ש

פֿײגעלע מיט בערעלען האָבן זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש. בערעלע האָט זיך באַהאַלטן הינטערן אױװן. פֿײגעלע האָט אים געזוכט. זי האָט אים אױסגעזוכט אומעטום: אין בעט, אונטערן בעט, אונטערן טיש. און זי האָט אים ניט געפֿונען. פּאַמעלאַך איז בערעלע אַרױס פֿון הינטערן אױװעלע און געזאָגט קו־קו. נאָכדעם האָט זיך פֿײגעלע באַהאַלטן אין שאַפֿע און בערעלע האָט גענומען זוכן. בערעלע גײט צו צו דער שאַפֿע, שרײט פֿײגעלע פֿון שאַפֿע אַרױס: זוך מיך ניט אין שאַפֿע, איך בין דאָ ניטאָ.

(פֿון בוך „אידיש" רפאל גוטמאן).

ק. בענון.

איציק און שפּיציק

א י צ י ק: טרעף װאָס איך האָב בײַ זיך אין קעשענע?
ש פּ י צ י ק: איך קען ניט טרעפֿן. זאָג מיר בעסער.
א י צ י ק: נײן, דו מוזט טרעפֿן.
ש פּ י צ י ק: װער האָט עס דיר געגעבן?
א י צ י ק: קײנער האָט עס מיר ניט געגעבן.
ש פּ י צ י ק: װאו האָסטו דאָס געקױפֿט?
א י צ י ק: איך האָב עס ניט געקױפֿט.
ש פּ י צ י ק: װי אַזױ קומט עס צו דיר אין קעשענע?
א י צ י ק: עס איז דאָרט אױסגעװאַקסן.
ש פּ י צ י ק: װאָס פֿאַר אַ קאָליר האָט עס?
א י צ י ק: עס האָט ניט קײן קאָליר.
ש פּ י צ י ק: איז עס פֿון שטײן?
א י צ י ק: נײן. שטײן װאַקסט ניט.
ש פּ י צ י ק: װער האָט עס פֿאַרזײט?
א י צ י ק: קײנער ניט.
ש פּ י צ י ק: איז עס װײך אָדער האַרט?
א י צ י ק: ניט װײך און ניט האַרט.
ש פּ י צ י ק: איז עס געשמאַק צו עסן?
א י צ י ק: נײן. ניט געשמאַק.
ש פּ י צ י ק: איך גלױב ניט אַז דו האָסט עפּעס אין קעשענע.
א י צ י ק: איך פֿאַרזיכער דיר אַז איך האָב.
ש פּ י צ י ק: װעסט מיר עס געבן אױב איך װעל טרעפֿן?
א י צ י ק: איך קען עס ניט אַרױסנעמען פֿון קעשענע.
ש פּ י צ י ק: איז איך קען ניט טרעפֿן.
א י צ י ק: גיסט זיך אונטער?
ש פּ י צ י ק: זאָג װאָס איז עס?
א י צ י ק: אַ לאָך!

י. קאמינסקי.

די באָבע דאָבע

(לויט אַן אַלט ענגליש ליד)

ערשט קינד:
גיי זאָג באָבע דאָבען,
גיי זאָג באָבע דאָבען,
גיי זאָג באָבע דאָבען,
אז א האָן אין הויף איז טויט,

צווייט קינד:
אויב זי וועט מיך פרעגן,
אויב זי וועט מיך פרעגן,
אויב זי וועט מיך פרעגן,
פון וואָס דער האָן איז טויט?

צווייט קינד:
וואָס דו זאָגסט מיר הער איך,
וואָס דו זאָגסט מיר הער איך,
וואָס דו זאָגסט מיר הער איך,
אבער וועלכער האָן איז טויט?

ערשט קינד:
ער האָט זיך דערוואָרגן,
ער האָט זיך דערוואָרגן,
ער האָט זיך דערוואָרגן
מיט א הייפּטל קרויט.

ערשט קינד:
אַט יענער געלער האָן,
אַט יענער געלער האָן,
אַט יענער געלער האָן,
וואָס זיין קאָם איז פייער רויט.

צווייט קינד:
וואו איז באָבע דאָבע?
וואו איז באָבע דאָבע?
וואו איז באָבע דאָבע?
זאָג איך איר דער האָן איז טויט.

ערשט קינד:
זי איז באַ זיך אין קיך,
זי איז באַ זיך אין קיך,
זי איז באַ זיך אין קיך
און באַקט פאַר קינדער ברויט.

רעטעניש ן:

28. פון וואלד קומט עס ארויס,
אין בלייבט שטיין אין הויז.

29. ער שפייזט אין הארבסט, און ווארעמט אין ווינטער.
ער דערפרייט אין פרילינג און קילט אין זומער.

30. וואָס פאר א רעגנשירעם טראָגט דער פרעזידענט ווען עס רעגנט?

31. איך שוועב ארום אומעטום,
לאָז נאָך זיך קיין שפרינקעלע,
איך אליין בלייב זיך שטיין
ערגעץ אין א ווינקעלע.



בוים



בעזים



שירעם



ברונעם



פלוים



פלאַש



בלאַט



שלאָס



שליסל



שטײג



קרוג



קרוין

בוים	קרוג	בלאַט	פלוים	בעזים	שלאָס	פלאַש	שטײַג	קרוין
האָט	אויפן	אַרום	שירעם	ברתעם	שליסל	קערט	בלום	הײַז
קאָפּ	צאָם	פליט	גאָרטן	שליסט	שטוב	פעלד	וואלד	גיים
מען	קוים	פֿויגל	רעגנט	וואַסער	שעפּט	אויפן	פֿון	עס
צום	איז	זײַנען	וואַרעם	טראַגט	געווען	טיר	מיר	די
צו	דעם	דאָס	אײַנמאל	וואַקסט	קינדער	מיט	אין	אַ

ב ק פּ פֿ ה ס ר ד מ ם ש ט ז ג װ צ ץ כ ך ו נ ע אַ אָ װ ו י ײ ײַ ײ

ב ק פּ פֿ ה ס ר ד מ ם ש ט ז ג װ צ ץ כ ך ו נ ע אַ אָ װ ו י ײ ײַ ײ

יהואש

מיט אַ גילדענעם קרוג

מיט אַ גילדערנעם קרוג,
מיט אַ גילדערנעם קרוג
קומט די טאָכטער פון קיניג צום ברונעם;
שטייט די זון ביים ראַנד,
און לאַכט נאָכאַנאַנד,
און פאַלט און צעשיט זיך אין ברונעם.

אַ בורבל, אַ בלעזל,
אַ גילדערנער העזל
לויפט אַרום גילדערנעם קרוג;
און די טאָכטער פון קיניג
שעפט וואַסער און זונען,
וואַסער און זונען
און גילדערנע רינגען פון ברונעם.

ר ע ט ע נ י ש:

32. אַ וועכטער, אַ היטער.
אַ געברענטער, אַ געשמידטער.
נים אַליין נעמט ער.
נים דעם צווייטן גיט ער

אליעזר גרינבערג

דער קליינער מאָלער

איך האָב אַ פען און האָב אַ טינטער,
איך האָב אויך פאַרבן אַלערליי:
מאָל איך אויס אין מיטן ווינטער
אַן עפּלבוים מיט צווײַט ווי שניי.

מאָל איך אויס אין מיטן זומער
אַ זאַווערוכע און אַ פראָסט:
דערזעלבער עפּלבוים אַ שטומער,
שטייט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט.

איך מאָל מיר אויס אין מיטן פרילינג
אַ טיפן, ווייכן, ווייסן שניי:
אינגלאָך צוויי—אַ שיינער צווילינג—
שליטלען זיך מיט פרייד־געשריי.

און אין האַרבסט, אויף גרינע פעלדער —
קאַרגט די זון קיין שטראַלן שיין:
איך מעק און קלעק און מאָל אויס ווידער —
וואָס עס פאַלט אין קאָפּ מיר איין.

ל. מאַטעס

אַ בריוו

מיין ברודער האָט אַ פעדער, טינט און פּאַפּיר,
מיין ברודער קען שרייבן אַ בריוו.

איך האָב ניט קיין פעדער, קיין טינט און פּאַפּיר,
שרייב איך מיטן פינגער אין זאַמד
צו מיין באָבען און זיידן אין ווייט־ווייטן לאַנד.

ווען מיין באָבע און זיידע קומען אויף אַ שיף
פון ווייט־ווייטן לאַנד.
און מיין באָבע און זיידע וועלן לעזן מיין בריוו
געשריבן אין זאַמד —
מיט מיין אייגענער האַנט.

יצחק קאַצענעלנסאָן.

זי שלאָגט זיך גאָר!

זיסעלע איז אַראָפּ אין גאָרטן געזעגענען זיך מיט אירע בלומען. די בלומען זענען שוין געווען פאַרוועלקט. זי האָט זיך געוואָלט געזעגענען מיט די פייגעלאך זענען זיי שוין געווען אַוועקגעפלויגן. זיסעלע האָט אומעטיק און שטיל געזאָגט צו זיך: „דער האַרבסט, דער האַרבסט".

פּלוצלונג האָט איר עפּער געגעבן אַ קלאַפּ אין אַקסל. זיסעלע האָט זיך אומגעקוקט — אַן עפּל, אַן עפּל איז פון בוים אַראָפּגעפאַלן. זי האָט אים אויפגעהויבן און מיט אַ בעלעבאָטער אַ זאָג געטאָן: „דו שלאָגסט זיך גאָר עפּעלע? וועל איך דיך דערפאַר אויפעסן...

און זיסעלע האָט מיט אירע קליינע ווייסע ציין דאָס עפּעלע איינגעביסן.

אברהם רייזען

האַרבסט

עס איז דער האַרבסט געקומען,
עס וועלקן בוים און בלום,
געלע בלעטער, זע איך,
וואַלגערן זיך אום.

עס קומט אַ ווינט אַ קאַלטער
פייפט אַ לידל צו.
און די אָרימע־בלעטער
האָבן ניט קיין רו.

דאָס אינגל און די וועכטער

אַ אינגל האָט געוואָלט פאַרזוכן פון די שיינע עפּל אין אַ סאָד. האָט ער געוואַרט ביז וואַנען די דריי וועכטער וואָס האָבן באַוואַכט דעם סאָד זענען איינגעשלאָפן. דאַן איז דאָס אינגל אַריין אין סאָד און אָנגעריסן עפּל. ווען ער איז געגאַנגען צוריק האָט זיך איין וועכטער אויפגעכאַפּט און געזאָגט צום אינגל: „אויב דו וועסט מיר אָוועקגעבן אַ העלפט פון די עפּל וואָס דו האָסט און נאָך אַ האַלבן עפּל, אָבער זאָלסט ניט שניידן מיט אַ מעסער, וועל איך דיך לאָזן גיין".

האָט דאָס אינגל געטאָן אַזוי און געגאַנגען ווייטער. כאַפּט זיך אויף דער צווייטער וועכטער און זאָגט צום אינגל דאָס זעלביקע: „אויב דו וועסט מיר אָוועקגעבן אַ העלפט פון די עפּל וואָס דו האָסט און נאָך אַ האַלבן עפּל, אָבער זאָלסט ניט שניידן מיט אַ מעסער, וועל איך דיך לאָזן גיין".

האָט דאָס אינגל אַזוי געטאָן און געגאַנגען ווייטער. האָט זיך אויפגעכאַפּט דער דריטער וועכטער און געפאָדערט פון אינגל דאָס זעלביקע. האָט דאָס אינגל צום דריטן מאָל געמוזט אַזוי טאָן. ווען ער איז אַרויס פון סאָד האָט ער זיך געכאַפּט אַז ער האָט גאָר קיין עפּל ניט.

וויפיל עפּל האָט דאָס אינגל אָנגעריסן און ווי אַזוי האָט ער זיי צעטיילט צווישן די וועכטער? איר דאַרפט געדענקען אַז די האַלבע עפּל האָט דאָס אינגל ניט געטאָרט אָפּשניידן.

יצחק קאַצענעלנסאָן

האַרבסט

דער ליבער זומער
איז אַוועק,
רעגנס קאַפּען
גאַנצע טעג.

נאַסע ווינטלאַך
בלאָזן קאַלט,
טרייבן די פייגל
פון דעם וואַלד.

פייגעלאַך, פייגעלאַך,
פליט מיט גליק.
געזונטערהייט נאָר,
קומט צוריק.

אסתר ביגאַל

שפּיל

איך און דו, דו און איך —
כאַ־כאַ־כאַ־כאַ!
לאָבן הויך און שפּילן זיך,
לאַלאַ־לאַלאַ־לאַ.

לאָמיר אויסטאָן זיך די שיך,
שפּילן קאַץ און מויז —
אָט אַזוי און אָט אַזוי,
רעדל איין און רעדל אויס.

דו די קאַץ, איך — די מויז,
זאָלסט זיך גאָר ניט דראַפּן,
דו — אַריין, איך — אַרויס,
ווער וועט וועמען כאַפּן?

ו ו ע ר ט ל א ך:

אַז גאָט וויל שיסט אַ בעזים.
אַ ברונעם שעפּט זיך אויך אויס.
אַז אַ נאַר וואַרפט אַ שטיין אין ברונעם אַריין,
קענען אים קיין צען קלוגע ניט אַרויסנעמען.
דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווייט פון בוים.
דער קרוג גייט אַזוי לאַנג צום וואַסער ביז דאָס אויער רייסט זיך אָפּ.
אַ שלאָס איז נאָר געמאַכט געוואָרן פאַר אַן ערלאַכן מאַן.



זשאַבע



זשוק



זשיראַפֿ



טשייניק



שטשור



הענטשקעס

יאָזש



בײַטש



יאַשטשערקע



טשערעפּאַכע



באַנדזשאָ

גליטשערס

בײַטש	בײַטשן	גליטשט	טשײַניק	גליטשט זיך	זשיראַפֿ	זשאַבע	זשומען	זשוק
זיך	קאָכן	קנאַקט	סאָזשעלקע	זשאַלעוועס	טשאָלנט	שטשור	וואַלד	דאָס
מיט	איוון	פֿרויען	טשײַניקעס	יאַשטשערקע	אינגלאַך	בינען	לעבט	קוים
זשע	טיי	לאַנגען	זשוקעס	בלאָנדזשעט	זשיראַפֿן	האַלדז	אײַז	וואָס
ער	שטשאַוו	האָבן	פֿרײַטיק	שטשערבאַטע	שוויטשט	קריכט	אויפֿן	אין
זי	זיי	לויפֿט	זשיפּעס	פֿאַרזשאַווערט	זשאַבעס	גאָרטן	פֿילע	פֿול
אַ	פֿון	אויף	שוויטשט	פֿאַרבלאָנדזשעט	גליטשן	פֿליען	אָן	די
זש, טש, יאָזש, הענטשקעס, טשערעפּאַכע, באַנדזשאָ, דזש, שטש.								

ל. וואַזוניק

אַ נאָס

העדי האָט אַמאָל געטאָן אַ נאָס,
היפּטשאַ, היפּטשאַ.
האָט עס אָפּגעקלונגען ווי אַ שאָס,
היפּטשאַ־ז, היפּטשאַ־ז.

אָבער העדי איז געווען צו פויל,
אַ־וואַ, אַ־וואַ, ,
האָט ער ניט פאַרשטעלט זיין מויל,
אַהאַ, אַהאַ.

האָט אַ ווינט דערלאַנגט אַ בלאָז,
וואַ־הו, וואַ־הו,
איז פאַרשפּריצט געוואָרן סערעס נאָז,
טריף־טריף, טריף־טריף.

טראַכט זי. וואָס אַ רעגן מיט אַמאָל —
טריפּ־טראָפּ, טריפּ־טראָפּ ?
און זי עפנט איר פאַראַסאָל
קלאַפּ־קלאָפּ, קליפּ־קלאָפּ.

נחום יוד

צוויי זשאַבעס

זומער אָוונט, גרין און שטיל,
אין די גראָזן פייפט אַ גריל,
און דער אַלטער וואַלד פאַרקלערט,
פון דער וויטן שטייט און הערט.

לעבן טייכל אויף אַ שטיין
זיצן זשאַבעס צוויי אַליין,
פיינע, דיקע זשאַבעס צוויי —
און זיי רעדן זיך אַזוי :

— קוואַ־קוואַ־קוואַ, — עס ווערט שוין קאַלט,
אָט איז שוין אויס זומער באַלד !
— אָט אויס זומער ! קוואַ־קוואַ־קוואַ,
עס איז אַ מאָרנע וועלט אַזאַ ! . . .

און אַרום איז פריש און קיל,
רעדן זיך דיביימער שטיל . . .
און די שאָטנס קרום און גלייך
פאַלן אויפן שטילן טייך.

ל. וואַזוניק

געפרעגט און געענטפערט

— וואָס איז דער אונטערשיד צווישן אַ מענטש און אַ בוך ?
— אַ מענטש האָט בלויז צוויי זייטן און אַ בוך האָט פיל זייטן.
— מיט וואָס זענען אייער עלטערן צו פעטש ?
— ביידע באַנוצט מען אויף באַקן.

7. טאלסטאי

די האק און די זעג

אין א קאלטן טאג אין הארבסט, זיינען צוויי פויערים געגאנגען אין וואלד נאך האלץ. איינער האט געהאט א האק, און דער צווייטער — א זעג. אז זיי האבן אויסגעקליבן א בוים, האבן זיי זיך גענומען קריגן. איינער האט געזאגט: דעם בוים דארף מען אראפהאקן. דער צווייטער האט געזאגט: ניין, מען דארף אים אראפזעגן.

רופט זיך אן א דריטער פויער: „איך וועל אייך באלד איבערבעטן: אויב די האק איז שארף, איז בעסער צו האקן, נאר אויב די זעג איז נאך שארפער, איז בעסער צו זעגן". ער האט גענומען די האק און געפרובט האקן דעם בוים. אבער די האק איז געווען אזוי טעמפ, אז מען האט מיט איר אין גאנצן ניט געקענט האקן.

האט ער גענומען די זעג, איז זי געווען א שלעכטע און האט אינגאנצן ניט געשניטן. דאן האט דער דריטער פויער געזאגט: „ווארט צו ברידער, קריגט זיך ניט. די האק האקט ניט, און די זעג זעגט ניט, שארפט פריער אן די האק און מאכט צורעכט די זעג, וועט איר שפעטער צייט האבן זיך צו קריגן".

רבקה גאלין

ווער ווייסט וואו?

טשינג־טשאנג־טשו,
ווער ווייסט וואו ? —
זעגען די בינעוועדלאך
מיט די קורצע נעזעלאך.

טשינג־טשאנג־טשו,
ווער ווייסט וואו ? —
אויף געגאלטע קעפעלאך,
באמבלען לאנגע צעפעלאך.

טשינג־טשאנג־טשו,
ווער ווייסט וואו ? —
אינגעלאך טראגן קליידעלאך,
הויזן טראגן מיידעלאך.

טשינג־טשאנג־טשו,
ווער ווייסט וואו ? —
שיינע מאנדל אייגעלאך,
בוקן זיך ווי פייגעלאך.

טשינג־טשאנג־טשו,
ווער ווייסט וואו ? —

ר ע ט ע נ י ש ן:

33. אליין בין איך א גארניט.
טאקע א שפאס
א פוסטער פאס,
און ווערט בין איך א האר ניט,
דאך דארף מען גאר ניט קלערער ;
ווען איינער גיט
מיר עפעס מיט,
גיב איך אים צען מאל מערער.

ז ו ע ר ט ל א ך:

האק ניט קיין טשייניק.
דעם קלוגן העלפט א ווארט, דעם נאר העלפט קיין בייטש אויך ניט.

דניאל טשארני

נאַטור קלאַנגען

(קינדער אין קרייז. דריי גרופּעס: אַ ווינט־גרופּע, וואַלד־גרופּע און טייך־גרופּע)

אַ ל ע: עס קומט צו פליען גאַנץ געשווינד
פון ערגעץ־וואו אַ ווינט.
ער בלאָזט, ער בלאָזט.
(בלייבן שטיל)

(ווינט גרופּע כאַפּט אונטער מיט פאַרמאַכטע מײַלער)
וו... וו... וו...

אַ ל ע: עס הערט זיך צו צום ווינט דער וואַלד,
און ענטפערט אָפּ אים באַלד.
ער רוישט, ער רוישט...
(בלייבן שטיל)

(וואַלד גרופּע כאַפּט אונטער)
מ... מ... מ...

אַ ל ע: דערהערט דעם וואַלד דער גרויסער טייך,
און ענטפערט אָפּ אים גלייך.
ער שוימט, ער שוימט...
(בלייבן שטיל)

(טייך גרופּע כאַפּט אונטער)
ש... ש... ש...

אַ ל ע: ווינט, און וואַלד, און טייך, און פעלד —
עס קלינגט, עס זינגט די וועלט.
עס קלינגט, עס זינגט די וועלט.

ב. סודילקאָווסקי

ק י נ ד ע ר

ווער פון אײַך וועט מיר זאָגן
וויפיל רעדער האָט אַ וואָגן?
וויפיל ווינקלען האָט אַ הויז?
וויפיל אויגן האָט אַ מויז?
וויפיל פינגער האָט אַ האַנט?
וויפיל קאַנטן האָט אַ וואַנט?
וויפיל פיס האָט אַ טיש?

וויפיל פלעדערן האָט אַ פיש?
וויפיל פליגלען האָט אַ האָן?
וויפיל זייטן האָט אַ פאָן?
וויפיל אַרבל האָט אַ רעקל?
וויפיל עקן האָט אַ שטעקל?
וויפיל טעג האָט אַ וואָך?
ווען שרייען קינדער נאָך?



דזשעני שפּילט אויף איר פּיאַנאָ

יאַנקל רייט אויף אַ בעזים

אַ יאַפּאַנערין און אַן אינדיאַנער

דזשאַרדזש שפּילט אויף זיין האַרמאָניקע



יעטעלע ליינט איר ליאַלקע שלאָפן



יאַכל גיט דער וועווערקע די יאַדרע פון אַ נוס

1. וואו האָט איר געזען אַ וועווערקע?
2. מיט וואָס אונטערשיידן זיך די יאַפּאַנער און די אינדיאַנער קינדער פון די ווייסע קינדער?
3. טראַכט צו אַנדערע זאַצן צו די בילדער.

אפרים אויערבאך

וועווריקל

דער פויגל עסט פון שיסעלע,
דער העלפאנט גראבט אין שניי, —
ווילסט, וועווריקל, די ניסעלאך?
איז הינטערפיסלאך שטיי.

וואַרפט וועווריקל דאס עקעלע,
די ציינדלאך וויזט און לאַכט.
נו, גיב א גלעט מיין בעקעלע,
גיב איך דיר ניס אַסאַך.

נאָר וועווריקל מיט פיסעלאך
דערשרעקט זיך און אנטלויפט. —
אומזיסט אַזויפיל ניסעלאך
האָב איך היינט אָנגעקויפט.

ש. קאַדינסקי

וויין נישט, וויין נישט!

וויין נישט, וויין נישט, ליאַלקע,
וויין נישט טייער קינד!
איך שטיי דאָ ביי א שיסעלע
און וואַש דיין וועש אצינד!

איך דריי אויס נאָך א שטיקעלע —
ווערט ווידער אַלצדינג ריין!
איך הענג אויס אויף א שטריקעלע —
וועש געוואַשן שיין!

איך וויק דיין העמד און לייבעלע,
איך וויק דיין שירצל איין,
טיבעלע און הייבעלע —
דיין מוז אַלצדינג זיין!

פרעסל פרעס דאס העמדעלע,
ליוּ־אַהין אַהער,
גלעט אויס יעדעס קנייטשעלע
גלייך אויס קרום און קווער.

ה. רויזנבלאַט

פערדעלע האָפּ, האָפּ

ווער עס שווימט מיט שיפן,
ווער עס פאָרט מיט באַנען.
ווער עס פאָרט אין אויטאָס,
ווער אין עראָפּלאַנען, —
און איך וועל מיר מיין פערדעלע
מיין ראָבן־שוואַרצן שפּאַנען:
הע, ,פערדעלע, האָפּ, האָפּ!
קערעלאָפּ, קערעלאָפּ, קערעלאָפּ.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

וויג־ליד

אַבו־באַבו איינגעלע,
איינגעלע, מיין פייגעלע,
— הו־הו.

קייקלט נאַכט איר רייפּעלע,
רייפּעלע, מיין עופהלע (איפּעלע)
— הו־הו.

פּלאַפּל, פּלאַפּל, מיידעלע,
מיידעלע, ווייס־קליידעלע,
— גו־גו.

אין דער נאַכט און אין דערפרי,
טאַטע־מאַמע זיינען הי, —
— לו־לו.

נאָר קליינע קינדער

דער פּרעזידענט איז אַמאָל געקומען אין אַ קליין שטעטל. ער האָט באַוואונדערט די שיינקייט און ריינקייט פון שטעטל. און זייער געליבט די איינוואוינער פאַר האַלטן זייער שטעטל אַזוי ריין.

פאַרן אַוועקפאָרן פון שטעטל, טוט דער פּרעזידענט אַ פרעג: „זיינען עפּעס געבוירן געוואָרן גרויסע מענטשן בא אייך אין שטעטל?“

— ניין — ענטפערט דער מעיאָר — איך בין שוין דאָ אין שטעטל מער ווי דרייסיק יאָר. און עס האָט נאָך נים געטראָפן עס זאָל געבוירן ווערן אַ גרויסער מענטש. בלויז קליינע קינדער ווערן דאָ געבוירן.

ה. רויזנבלאַט

פּופּעס ווײנען ניט באַנאַכט

ווער האָט פּופּעס פאַר די מיידלאַך אויסגעטראַכט?
פּופּעס זיינען שטילע, גוטע, פּופּעס וויינען ניט באַנאַכט.

ווי איך ליינ מיין קליינע פּופּע נאָר אין וויגעלע אַריין,
שליסט זי באַלד די בלאָע אייגעלאַך, און זי דרעמלט רואיק איין.

פּופּעס וועלן זיך ניט שלאָגן מיט די קינדערלאַך אין גאַס:
ניין, אין דרויסן ווען עס רעגנט און אין רעגן ווערן נאַס.

פּופּעס טראָגן ווייסע קליידער, גאַנצע זאָקן, ריינע שיך;
אַז מען צוואָגט זיי שרייען זיי ניט און זיי לאָזן זיך.

לעצטע וואָך האָט אונדזער דאָקטאָר מיר אַ שוועסטערל געבראַכט,
איז עס קלענער פון מיין פּופּע און עס וויינט אַ גאַנצע נאַכט!

אונדזער דאָקטאָר איז אַ שלעכטער! בעסער וואָלט ער מיר געבראַכט
נאָך אַ קליינע שיינע פּופּע, פּופּעס וויינען ניט באַנאַכט.

דער עכא

(א הויז שטייט לעבן א בארג. די מוטער זיצט ביים פענצטער. דער עכא באהאלט זיך אין בארג. א אינגעלע קומט ארויס זיך שפילן)

יאנקעלע: פארטיק מיט מיין ארבעט! פארטיק מיט מיין ארבעט! הורא! הורא!

עכא: הורא! הורא!

יאנקעלע: ווער איז דארט?

עכא: ווער איז דארט?

יאנקעלע: איך קום פון בארג. ווער ביסטו?

עכא: ווער ביסטו?

יאנקעלע: איך בין יאנקעלע.

עכא: איך בין יאנקעלע.

יאנקעלע: דו ביסט ניט יאנקעלע.

עכא: דו ביסט ניט יאנקעלע.

יאנקעלע: איך בין יא.

עכא: איך בין יא.

יאנקעלע: דו זאגסט ליגן.

עכא: דו זאגסט ליגן.

יאנקעלע: קרים מיר ניט איבער.

עכא: קרים מיר ניט איבער.

יאנקעלע: דו ביסט א שלעכט אינגעלע.

עכא: דו ביסט א שלעכט אינגעלע.

יאנקעלע: גיי אוועק פון דאנען!

עכא: אוועק פון דאנען!

מוטער: יאנקעלע, וואס שרייסטו אזוי?

יאנקעלע: מאמע, א אינגעלע האט זיך באהאלטן אין בארג. ער קרימט מיר איבער און רופט מיך צונעמען.

מוטער: וואס האסטו אים געזאגט?

יאנקעלע: איך האב אים געזאגט, אז ער איז א שלעכט אינגעלע. אים געהייסן זיין שטיל און אוועקגיין פון דאנען.

מוטער: רייד צו אים גוט, וועסטו הערן וואס ער וועט דיר ענטפערן.

יאנקעלע: וואס מאכסטו, אינגעלע?

עכא: וואס מאכסטו, אינגעלע?

יאנקעלע: פארגיב מיר.

עכא: פארגיב מיר.

יאנקעלע: לאמיר זיין גוטע פריינט.

עכא: זיין גוטע פריינט.

יאנקעלע: קום אריבער און שפיל זיך איצט מיט מיר.

עכא: שפיל זיך איצט מיט מיר.

יאנקעלע: איך קען ניט, איך מוז דא שטיין.

עכא: איך מוז דא שטיין.

יאנקעלע: איי ניט גוט.

עכא: איי ניט גוט.

יאנקעלע: נו, לאמיר ריידן פון דער ווייט.

עכא: ריידן פון דער ווייט.

יאנקעלע: וועסט מיר שטענדיק ענטפערן, אז איך וועל דיך רופן?

עכא: ענטפערן אז איך וועל רופן?

יאנקעלע: זיכער וועל איך.

עכא: זיכער וועל איך.

מוטער: יאנקעלע, קום אריין עסן מיטאג.

יאנקעלע: איך מוז שוין גיין.

עכא: מוז שוין גיין.

יאנקעלע: א גוטן טאג! ביסט א גוט אינגעלע.

עכא: ביסט א גוט אינגעלע.

יאנקעלע: מאמע, איך האב געטאן אזוי, ווי דו האסט מיך געהייסן. איך האב צו אים גערעדט גוט, און איצט זיינען מיר גוטע פריינט.

מוטער: ווי דו רעדסט צו אים, אזוי וועט ער דיר ענטפערן.

רעטעניש:

34. ווי אזוי האט דזשארדזש וואשינגטאן געפייערט דעם פערטן יולי ווען ער איז געווען א קינד?

ז. ווײַנפּער

אַ קינדער ביכל

אַמאָל איז געווען
אַ האָן מיט הון,
און וואָס איז געשען?
מע וויס שוין דערפֿון!

אַ פֿינגער, אַ פֿיר,
אַ בלעטל אַ דריי,
און זאָבן פֿאַר מיר
פֿאַרשידענערליי.

דער האָן האָט געוועקט
גאַנץ פֿרי מיט אַ קריי,
די הון האָט געלייגט
פֿאַר קינדער אַן איי.

אַן אינדיק אַ האָן,
אַ טיגער אַ קאַץ,
אַ יעגער שטעלט אָן
זיין ביקסל און — באַץ.

אַ בלעטל אַהער,
אַ בלעטל צוריק,
און אָט איז אַ בער,
און אָט איז אַ ציג.

אַ שוועלבעלע פֿליט
אַרויף אויף אַ דאַך,
די זון איז צעגליט
מיט שטראַלן אַ סאַך.

דאָס בערעלע — בו!
דאָס ציגעלע — מע!
און אָט איז אַ קו,
אַ קעלבעלע זע!

אַ בלעטל אַ הויב,
אַ בלעטל אַ מיש,
און אָט איז אַ טויב,
און אָט איז אַ פֿיש.

לערער: סעמי, וואָס פֿאַר אַ נוצן האָבן מיר פֿון דער זון?
סעמי: מיר האָבן גאָר קיין נוצן ניט פֿון דער זון. ביינאַכט איז זי ניטאָ און ביי טאָג — איז אָן דער זון אויך ליכטיק.

אַלעף כין

צייל־לידער

1.

איך און דו
און זי און ער
ווילן וויסן
ווער איז ווער.

ווער איז באַפֿער,
ווער איז ניט —
זינגען מיר איצט
אָט־דאָס ליד:

אַלטער באַלטער
פֿאַלטער פֿים,
און דער גורל (גוירל)
פֿאַלט אויף אים.

2.

פֿויגל בלויער
איז געפֿלויגן
און געבראַכט
אַ ברייוו אַהער:
אַז עס עפֿנט
זיך אַ טויער
און עס גייט
אַהינצו ע ר.

3.

מילדערווינטל
וועבט אַ וועב,
זמט אַ זום־ער:
זמער־לעב.

זמער, זמער,
זום און זום
איז געקומען
אַ געקום.

אַלע ווערן
פֿראַנק און פֿריי,
איך און דו און
איינס, צוויי, דריי.

נחום יוד

אונדזערע טעג

ווייסע פערד, שוואַרצע פערד,
צווייערליי קאַראַטן,
קיינמאָל ווערט ניט אויף דער ערד
אונדזער שפּור פאַרשאָטן.
זיבן, זיבן וויינען מיר.
זיבן גוטע ברידער.
זיבן, זיבן גייען מיר
און מיר קומען ווידער.

די באַן

קינדער, קינדער, מאַכט אַ באַן —
איינער כאַפּט דעם צווייטן אָן:
די מאַשין איז שוין פאַראַן —
יעדעס קינד איז אַ וואַגאָן.
איצט די פּעקלאַך וואַרפט אַריין,
פּאַסאַזשירן דאָ געננג,
ווערט דער דריטער קלונג באַלד זיין —
רירט פון אָרט זיך אונדזער צוג.

(פון בוך „לעבעדיקע קלאַנגען).

ב. סמאָלאַר

בערל לעקער

בערל לעקער איז געקומען צו דעם בעקער
פרייטיק האַלב נאָך זעקס,
זאָגט בערל לעקער צו דעם בעקער:
גיב מיר זיס געבעקס.
זאָגט דער בעקער צו בערל לעקער:
ווייז מיר פריער געלט.
זאָגט בערל לעקער צו דעם בעקער:
אָט דאָס איז, וואָס מיר פעלט.

ר ע ט ע נ י ש ן:

35. איך בין ניט קיין מענטש, ניט קיין פויגל, און דאָך רעד איך אַמאָל, און וויין אַמאָל, און לאַך אַמאָל, ווי אַ מענטש, און זייער אָפט זינג איך, ווי אַ פויגל. איך קען אַלע שפּראַכן אויף דער וועלט, אָבער קיין איינע איז ניט מיינע. איך הייב אָן צו רעדן, ווען איך ווער געבוירן. איך בין קיינמאָל ניט יונג, און דאָך ווער איך אַלט. און ווען איך ווער אַלט, שוואַך און קראַנק, פאַרליר איך מיין שטים.

36. פיר ברידער יאָגן זיך און קענען זיך ניט דעריאָגן.

37. וואָס האָט יעדער מענטש אַזוי פיל, אַז ער ווייס אַליין ניט וויפיל ער האָט?

ו ו ע ר ט ל א ך:

גוט ברודערשאַפט איז בעסער ווי רייכקייט.
איינער פאַר אַלע, אַלע פאַר איינעם.



אַ אינגעלע שטעלט אויף אַ טורעם פון קעסטלאַך



דאָס אינגעלע לערנט זיין הונט שטיין



די קינדער שפּילן זיך אין שול



דאָס אינגעלע שפּילט פוס־באַל



אינגלאַך גליטשן זיך אויפן אייז אויף גליטשערס

די קינדער שליטלען זיך אויפן שניי אין אַ שליטן

פ ר אַ ג ע ס:

1. אין וועלכע פון די אַלע שפּילן האָט איר זיך בעסער ליב צו שפּילן? פאַרוואָס?
2. אין וועלכער צייט פון יאָר שפּילן זיך קינדער אין די פאַרשידענע שפּילן?
3. טראַכט צו אַנדערע זאַצן צו די בילדער.

מאני לייב

אויפן גליטש

אין דעם טייך וואָס איז געפּלאָסן,
איבער ברעגן זיך צעגאָסן, —
האָט דער פראָסט, דער היטער נאָז,
איינגעפרוירן ווי אַ גלאָז.

קומען אינגלאַך שרייען, קוויטשען,
פליען, דרייען זיך אויף גליטשער;
און דאָס איז בלאָ און ווייך,
ווי דער הימל אין דער הייך.

קומען אינגלאַך דרייען, שלעפּן,
קייקלען קלעצער שניי און קלעפּן
פעטער שנייערס, גוט און וואויל,
מיט אַ נאָז און מיט אַ מויל.

שטיפער און די גרויסע היטלאַך,
פליען באַרג אַראָפּ אויף שליטלאַך
מיט אַ פייף און אַ געשריי,
קוליע, קוליע, און אין שניי!

משה גלאַזער

ווינטער

פליטער, פליטער
איינס און צוויי,
פאַלט פון הימל
ווייסער שניי.

אַ פלי — אַ פלי,
אַ פאַל אַ ליג;
און עס ווערט
אַ ווייסער וועג.

ווייס דער וואַלד
און ווייס דאָס פעלד,
הילט זיך איין
און ווייס די וועלט:

ווען עס פלאַטערט
איינס און צוויי,
פון דעם הימל
ווייסער שניי.

קלוג געפרעגט

יאסל: זאָג נאָר, מאַטל, פאַרוואָס שיינט ניט די זון ביי נאַכט, ווען עס איז פינצטער נאָר ביי טאָג, ווען עס איז סיי ווי סיי ליכטיק?

מאַטל: הערסט, דאָס פרעג איך דאָך אויך. פאַרוואָס ברענט די זון זומער, ווען עס איז סיי ווי סיי וואַרעם, — בעסער וואָלט זי וואַרעמען ווינטער ווען עס איז אַזוי קאַלט?

אַ טאַקע דערפאַר

יאסל: ווייסט, מאַטל, פאַרוואָס איז זומער וואַרעם און ווינטער קאַלט?

מאַטל: ווייל ווינטער ברענען אַלע אויוונס און טאַקע דערנאָך וואַרעמט אַ גאַנצן זומער. אַ באַווייז האָסטו, אַז זומער הייצט מען ניט איז טאַקע ווינטער קאַלט.

יאסל: פאַרוואָס הייצט מען ניט זומער?

מאַטל: הערסט, ווען מע וואָלט געהייצט זומער וואָלט דאָך ווינטער געווען וואַרעם. וואָלט מען ניט געהייצט די אויוונס וואָלט דאָך זומער געווען קאַלט.

רעטעניש:

38. די ביטערקייט צעשטער איך,
און וואַסער צעגיי איך.

נפתלי גראָס

מיט די שליטלאַך

ווינטער־זון,
שניי און ווינט,
דרויסן שטיפן
ווינט און קינד.

בארג אַרויף,
בארג אַראָפּ,
איינס נאָך איינס
אין גאַלאָפּ.

וואָס מיר מיד,
וואָס מיר הי —
און אָט פּאַלט
דער אונטן צו,

מיט די שליטלאַך
אין די הענט,
בערגל שנייווייס
פינקלט, בלענדט.

אַנגעשליטלט,
אַנגעפרווירט,
שיר־נישט־שיר
דעם וועג פאַרלוירן.

אָטאָ פאַלט
דער אונטן צו,
און עס הופּט
אַהיים די רו.

מ. ביקאָוויץ

סענדערל און דאָס גלאָז

סענדערלען איז געשען אַן אומגליק. ער האָט זיך געשפּילט אין באַל, געטראָפן אין אַ פענצטער און אויסגעשלאָגן אַ שויב.

סענדערל גייט אַרום אין גאַס אַן אומעטיקער. באַטש עס איז אים קאַלט וויל ער נים אַריין אין שטוב.

פּלוצלונג דערזעט ער אַ גרויסע קאַלושע אויפן הויף.

— וואָס איז דאָס — קלערט סענדערל — מיט וואָס איז זי באַדעקט — עס קוקט אוים פונקט ווי מיט גלאָז.

ער לויפט צו דער קאַלושע און ברעכט פאַרזיכטיק אָפּ אַ שטיקל, און לויפט אַהיים:

— טאַטע, טאַטע, אָט איז גלאָז — שרייט ער — דאַרט איז דאָ גאָך, נאָר איך קען נים אָפּברעכן קיין גרויס שטיק. קום און ברעך אָפּ וויפיל מע דאַרף פאַר דער שויב.

דער טאַטע שמייכלט. — וואָס איז דאָס גלאָז דיינס אַזוי נאַס?

— איך האָב עס גענומען פון דער קאַלושע. מען דאַרף עס אָפּווישן.

וויפיל סענדערל האָט נים געווישט איז דאָס גלאָז אַלץ געווען נאַס.

— ווייסטו וואָס, טאַטע, מע דאַרף דאָס גלאָז אויסטריקענען. איך וועל עס אַוועקלייגן אויפן אויוון.

— זייער גוט, ענטפערט דער פאַטער. — נעם אַ טעלער, לייג אַרויף דאָס גלאָז און שטעל עס אַוועק אויפן אויוון.

סענדערל האָט אַזוי געטאָן, נאָר צו זיין גרויס וואונדער איז פון גלאָז געוואָרן וואַסער.

אין שול

לערער: קינדער, איך וויל איצט אייך וואָרענען פאַר פאַרקילונג. אַ קליין אינגל וואָס איז געווען אַביסל פאַרקילט איז אַרומגעפאָרן מיט זיין שליטן אין שניי האָט ער געקראָגן ניומאָניע און ליגט אין בעט.

אינגל: (פון דער לעצטער באַנק) מי וואו איז זיין שליטן?

לערער: בעני, דו האָסט געהאַט אין קעשענע ניין סענט. און פינף האָסטו פאַרלוירן. וואָס האָסטו אין קעשענע?

בעני: לערער. איך האָב אַ לאָך אין קעשענע.

מאני לייב

דאָס הינטל

דאָס איז געווען אַ הינטל
דאָס קליינע הינטל־הינד!
אַ שיינס און אַ צאַרטס,
אַ שטילס ווי אַ קינד.

מיט צוטרוי פלעגט עס טרינקען
די מילך פון מיינע הענט
און דאַנקען מיט די אויגן
און קושן מיר די הענט.

נאָר אין אַן אָוונט איינמאָל,
איך האָב פאַרבראַכט ביי פריינט
און שפּעט אַהיים געקומען
פון מיינע גוטע פריינט.

און זע: ניטאָ מיין הינטל, —
צו בין איך טאַקע בלינד,
נאָר עס איז ניטאָ דאָס הינטל
דאָס קליינע הינטל־הינד.

איך בין אַרומגעלאָפן,
און לאַנג אַרומגעזוכט,
דאָס הינטל איז פאַרפאַלן:
אומזיסט האָב איך געזוכט.

נאָר אין אַ נאַכט אַ שיינער
אין העלן שטערן־שיין,
שפּאַציר איך אין מיין גאָרטן
אין העלן שטערן־שיין.

און זע — ווי אויף אַ ווערבע —
איך זע דאָס נאָך אַצינד —
עס הענגט דאָרט אויף אַ רימען
דאָס קליינע הינטל־הינד.

געווים אַ שלעכטער אינגל,
אַן שרעק פאַר אַזאַ זינד,
האָט ער עס אויפגעהאָנגען
דאָס קליינע הינטל־הינד.

ווי קומט צו מיר אין גאָרטן
אַ אינגל זאָל אַריין? —
איז הויך פאַרצאַמט מיין גאָרטן
ווי וואָלט ער גאָר אַריין?

נאָר עס איז געווען פאַרפאַלן;
מיין אָרים הינטל־הינד!
די ציינדלאַך וויים ווי פערל,
די אייגלאַך שטאַר און בלינד...

האָב איך דאָ אין מיין גאָרטן,
און אין דער זעלבער נאַכט,
אַ גרוב פאַר אים געגראָבן,
געגראָבן אין דער נאַכט.

די ציינדלאַך וויים ווי פערל,
די אייגלאַך שטאַר און בלינד...
שלאָף אין דיין גרוב דאָ רואיק
מיין קליינער הינטל־הינד.

ווערטלאך:
עך איז געשריי ווי אַ הונט.
אז מע ווייזט אַ הונט אַ פינגער, וויל ער די גאַנצע האַנט.

דניאל טשאַרני

שטיפערס

באַ אונדז קליינע קינדער
איז פריילאַך אַזוי.
צאַצקעס און שפּילעכלאַך
פאַראַן אַלערליי.

מיר לויפן און שפּרינגען
הויך וואַלד און הויך פעלד,
מיר טאַנצן און זינגען,
ווי אונדז נאָר געפעלט.

די ציגן, וואָס זײ קינדער װיגן

האָב איך אַ פּאָר ציגן,
וואָס זײ קינדער װיגן —
אַך, וואונדער איבער וואונדער,
װי די ציגן קינדער װיגן,
דאָס איז מיר אַ וואונדער,
דאָס איז מיר אַ וואונדער!

— אױ איז דאָס אַ וואונדער! — האָט געזאָגט די באָבע דאָבע, — אָבער הערט, וואָס עס איז װײטער געװען:

האָבן די ציגן פאַרװיגט די קינדער אין די װיגן, און זײ זײנען אַװעק אין פעלד קײען גראָז.

האָט אַ װאָלף דערזען די ציגן. נו, װילט זיך אים זײ קריגן. גיט ער זיך צו זײ אַ לאָז, פלינק װי אַ האָז.

בעטן זיך די ציגן:

— מיר האָבן געלאָזן קינדער אין די װיגן!

מאַכט דער װאָלף:

— זאָלן זײ דאָרט ליגן!

זאָגן די ציגן:

— און אַז זײ װעלן שרײען, װעט דאָך ניט זײן װער עס זאָל זײ װיגן?

מאַכט דער װאָלף:

זאָגט מיר, װאו זײ ליגן, װעל איך זײ גײן װיגן.

און אין האַרצן טראַכט ער: „איך װעל פריער אױפעסן די ציגן און דערנאָך די קינדער אין די װיגן".

טראַכטן די ציגן: „מיר װעלן אים זאָגן אַ ליגן, און ער װעט גאָרנישט קריגן."

און זײ זאָגן צו אים:

— זאָלסט גײן און גײן, ביז דו װעסט קומען צו אַ שטײן. און אַז דו װעסט קומען צום שטײן, זעץ זיך אַװעק און װײן. װעט קומען אַן אַלטינקע פרױ צו גײן און זי װעט דיך פרעגן אױף דײן געװײן. זאָלסטו איר זאָגן, אַז דו װילסט צו די קינדער גײן און דו װײסט ניט װי צו גײן אַלײן. װעט די אַלטינקע זיך אױפהײבן פון שטײן און זי װעט שױן מיט דיר גײן.

האָט זײ שױן דער װאָלף געגלױבט, װײל קײן איבעריקער קלוגער איז ער ניט געװען. און ער האָט זײ אַזױ געגלױבט, אַז ער האָט זיך גאָר פאַרגעסן, וואָס ער האָט געװאָלט פריער די ציגן עסן, און ער האָט איבערגעלאָזן די ציגן און ער איז אַװעק צו די קינדער אין די װיגן.

און ער איז געגאַנגען און געגאַנגען, געגאַנגען אַ טאָג מיט אַ נאַכט,

און קיין שטיין האָט ער נאָך ניט געפונען. עס זיינען יאָ געווען שטיי־נער, נאָר דער וואָלף איז ניט געווען באַ זיך זיכער, צי דאָס איז אַלץ דער שטיין, וואָס די ציגן האָבן אים געזאָגט.

איז ער ווייטער געגאַנגען, געגאַנגען אַ טאָג מיט אַ נאַכט, און ער האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט געפינען דעם שטיין, אויף וועלכן ער זאָל זיך אָנשטויסן מיט אַ געוויין און וואַרטן ביז אַן אַלטינקע פרוי וועט קומען צוגיין.

איז ער געגאַנגען ווייטער אַ טאָג מיט אַ נאַכט, ביז ער איז געקו־מען צוגיין צו אַ גרויסן שטיין, און ער האָט געזאָגט:

— אָט דאָס מוז זיין דער שטיין!

האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף דעם שטיין און האָט אויפגעהויבן אַ גרויס געוויין. אָבער קיין אַלטינקע פרוי איז ניט געקומען צוגיין.

האָט דער וואָלף געוואָרט און געוואָרט, געוואָרט און געוויינט: אוי־אוי! און אַי־אַי! — און קיינער גייט ניט פאַרביי.

טראַכט דער וואָלף: וויפיל איז מיר דער שיר צו זיצן דאָ און צו וויינען, אַז איך זע ניט קיינעם? איך וועל גיין צוריק צו די ציגן און זען זיי צו קריגן.

לויפט ער צוריק אין פעלד, וואו ער האָט איבערגעלאָזן די ציגן, און ער מיינט, אַז ער וועט זיי נאָך קריגן.

געקומען אין פעלד: אוי ווי, אַ קלאָג, אַ נעבעכדיקער טאָג! ניטאָ קיין ציגן און ניטאָ וועמען צו קריגן!

לויפט פאַרביי אַ הונט, פרעגט אים דער וואָלף:

— האָסטו געזען מיינע ציגן?

דער הונט האָט געקוקט און געשוויגן.

— הונט, וואָס שווייגסטו? איך פרעג דיך דאָך צי דו האָסט געזען מיינע ציגן?

גיט דער הונט מיט די ציין אַ קריץ און מיט שוים אַ שפריץ:

— וואָס מאָנסטו באַ מיר ציגן? וועסט באַלד באַ מיר קריגן!

און ער נעמט גלייך די ציין שאַרפן און איפן וואָלף זיך וואַרפן.

דער הונט איז געווען גראָד אַ שטאַרקער און אַ זאַטער און דער וואָלף — אַ הונגעריקער און אַ מאַטער. נו, איז דער הונט ביי־געקומען דעם וואָלף און אים אין וואַלד פאַרטריבן, אַז עס איז פון אים קיין שפּור ניט געבליבן.

אָבער וואו זיינען פאָרט אַהינגעקומען די ציגן?

די ציגן זיינען אַוועק צו די קינדער אין די וויגן און האָבן זיי דער־ציילט, ווי אַזוי זיי האָבן אָפּגענאַרט דעם וואָלף און געהייסן אים גיין צו אַ שטיין, און דערווייל זיינען זיי געבליבן אַליין און וואוהין זיי האָבן נאָר געוואָלט, האָבן זיי געקאָנט גיין.

די קינדער האָבן זיך שטאַרק צעלאַכט, און די ציגן האָבן זיי געזאָגט אַ גוטע נאַכט.



דאָס מיידעלע הוידעט זיך אויף אַ הוידעלקע



אַ מיידעלע שפּרינגט דורך אַ שפּרינגשנור



דאָס מיידעלע פֿאָרט אויף רעדלאַך



אַ אינגעלע פֿאָרט אויף אַ וועלאָסיפּעד

די קינדער לאָזן זעגל שיפֿלאַך אויפֿן וואַסער

דאָס אינגל שפּילט און דאָס מיידל פּויקט

מ ר אַ כ ט צ ו אַ נ ד ע ר ע ז אַ צ ן צ ו ד י ב י ל ד ע ר:

וועלכע פֿון די שפּילן האָט איר בעסער ליב? פֿאַרוואָס?

רופֿט אָן פֿאַרשידענע פּלעצער וואו קינדער שפּילן זיך אין די באַזונדערע שפּילן.

אידאַ קאָזלאָווסקי־גלאַזער

קינדער

קינדער שפּרינגען אין די גאַסן,
קינדער שטיפן, לאַכן, שפּאַסן
און זיי זיינען פול מיט מוט.
אײַ, די קינדער איז היינט גוט!

מירל שפּרינגט איבער אַ שטריקל,
לייבל מאַכט פון ברעט אַ בריקל,
טאַנצן, יאָגן בעם און רוט.
אײַ, די קינדער איז היינט גוט!

אין די פאַרקן הילכן קינדער,
יאָגן פּיס־רעדלאַך געשווינדער —
פריש און פריילאַך, פול מיט מוט.
אײַ, די קינדער איז היינט גוט!

ל. מאַטעס

ביים טייכל

זיץ איך מיר ביים טייכל,
הער איך צו זיין ליד,
לויפט צו מיר דאָס וואַסערל,
הופט און ציט מיך מיט.

טו איך אויס די שיכעלאַך,
באָרוועס ווי איך שטיי,
לאָז איך מיינע שיפעלאַך
און איך גיי נאָך זיי.

וויגט זיך אום דאָס טייכעלע,
וויגט זיך שטיל און מיד,
שפּילן זיך די כוואַליעס מיט
זינגען זייער ליד.

משה שיפריס

הוידעלקע

הוידע, הוידע הוידעלקע,
פיסלאַך אין דער הויך.
ווייסע קליינע טייבעלאַך
פליען אין דער הויך.

העכער, העכער, הוידעלקע
באַלד איז שוין דער הימל.
נאָך אַביסל, נאָך אַביסל
ריר איך אָן דעם הימל.

ישראל גיבקין

פישלאַך

שפּילן פישלאַך אויפן וואַסער
שפּיל, שפּיל, שפּיל.
דרייט אַ מיל זיך אויפן בערגל —
מיל, מיל, מיל.

קומען, לויפן דאָרט דריי אינגלאַך —
פלינק, פלינק, פלינק.
און פון בערגל גלייך אין שיפל —
שפּרינג, שפּרינג, שפּרינג.

פאָרט דאָס שיפל אויפן וואַסער —
שיה, שיה, שיה.
לאָזן פישלאַך זיך אַרונטער —
טיה, טיה, טיה.

גליטשט זיך שיפל אויפן וואַסער —
וויט, וויט, וויט.
שפּילן ווידער זיך די פישלאַך —
זייט ביי זייט.

אברהם רייזען

אָנהויב פרילינג

די זון אין פרימאָרגן
זי שיקט אירע שטראַלן,
די מאַכט פון דעם ווינטער
הייבט ווידער אָן פאַלן.

נעבענטשט איז דער פרילינג
און טייער זיין נאָמען;
עס פאַרוואַנדלען זיך טיכלאַך
אין הוישיקע שטראָמען.

און מיטאָג — דער פרילינג
זיין מאַכט האָט באַוויזן:
די זון יאָגט דעם ווינטער
מיט שטראַלן, ווי שפּיזן.

דאָס אייז און די שנייען
זיי שמעלצן זיך ווידער;
דער ווינטער באַהאַלט זיך
ביז אָונט אַ מידער...

י. ל. פּרץ

פרילינג

פרילינג קומט אויף אַלע וועגן,
לויפט דעם ליבן גאַסט אַנטקעגן!
לויפט צום וואַלד, לויפט צום פעלד—
אומעטום אַ פרייע וועלט!
קלינגט און זינגט, שפּרינגט און ברומט!
פרילינג קומט, פרילינג קומט.

י. גויכבערג

אויף רעדלאַך

רעדלען, רעדלען רעדעלאַך
אויף יעדן פוס צו פיר,
אויף שטענן וועגן גלאַטינקע,
נעפלאַסטערט בלויז פאַר מיר.

דאָס ערשטע רעדל — רידל־ראַ
דאָס צווייטע — רידל רוים,
דאָס דריטע — רעדלט רידל רי,
דאָס פערטע הערט מען קוים.

אַז הינטל־ווינטל לויפט געשווינט,
ווייסט יעדערער פון אייך.
דאָך קאָן עס קיינמאָל, קיינמאָל נישט
זיך יאָגן מיט מיר גלייך.

וייל רעדל איינס מאַכט רידל־ראַ
דאָס צווייטע — רידל רוים.
דאָס דריטע רעדלט רידל־רי
דאָס פערטע הערט מען קוים.

נאָר פלוצלונג — אוי, אַ ווייטיק מיר!
אַ טראַך און ד׳ערד אַריין.
עס שפּריצן בליצן שטערנדלאַך,
און איך — איך זע קיין שיין.

עס שווייגן מיינע רעדלאַך,
פאַרשטומט איז רידל רוים,
און איך דער גרויסער העלד אַליין —
איך ליג און ריר זיך קוים.

י. פאַטעראַגין

רעגן

עס האָבן קליינע וואַסער טראָפּנס
זיך אַמאָל צונויפגערעדט:
פונם ים (יאַם) אַ רייזע מאַכן
איבער פעלדער איבער שטעט...

צופיל זיינען זיי געווען —
האָט פאַסירט אַן אומגליק באַלד:
עס האָט דער וואָגן זיך צעבראָכן,
פאַלן זיי אַראָפּ אין וואַלד...

אין אַ וואָלקן זייער וואָגן —
זיצן אַלע טראָפּנס דאָרט...
שנעל—אַ טרייב געטאָן דעם וואָלקן!
פליען זיי פון אָרט צו אָרט...

שלעפּן זיי זיך אויף די גראָז,
אין די בלאָטעס און אין ליים,
ביז אַ טייבעלע געפינט זיי,
פירט זיי אָפּ צוריק אַהיים...

אליעזר גרינבערג

שטורעמס

אַמאָל איז געגאַנגען,
אַמאָל איז געגאַנגען,
אַמאָל איז געגאַנגען:
— אַ רעגן!

איז אים געקומען,
איז אים געקומען,
איז אים געקומען:
אַנטקעגן —
אַ ווינט!

גייען זיי בײדע,
גייען זיי בײדע,
גייען זיי בײדע:
געאָרעמט אויף וועגן
— אַצינד!

בלאָזט זיך דער ווינט:
אַליין —
הייס איך ווינט!

פליסטערט דער רעגן:
אַליין —
הייס איך רעגן!

ליאַרעמען בײדע,
טומלען זיך בײדע,
— ווי הייסן מיר בײדע אינאיינעם?
שנײַדט דורך די נאַכט
אַ בליץ ווי אַ מעסער.
עס זעט אויס דער הימל —
פאַרהילט ווי אין פלאַמען!
דער טומל ווערט גרעסער!
דער ליאַרעם ווערט גרעסער!
— און עס ענטפערט אַ דונער:
מיר הייסן!
מיר הייסן!
מיר הייסן אינאיינעם!
מיר הייסן אינאיינעם —
— שטורעמס!



די קינדער אַרבעטן אין זייער גאָרטן



די קינדער שפּילן אין טעניס



די קינדער פֿאָרן אויף דער קאַרוסעל



די קינדער נעמען אַ שפּריץ



צוויי קינדער שיפֿן זיך אויף אַ שיפֿל



די קינדער באָדן זיך אין ים (יאַם)

1. באַשרייבט יעדעס בילד באַזונדער.
2. וועלכע צייט פֿון יאָר שטעלן די בילדער פֿאָר?
3. טראַכט צו אייגענע זאַצן צו די בילדער.

י. גויכבערג

קאַרוסעלן

רונדאַ, רונדאַ, רונד אַרום
אויף די קאַרוסעלן,
יאַנקל־באַנקל בול־בול־בול
הערט ניט אויף צו קוועלן.

ראָד אַריין און ראָד אַרויס,
אַזש דער קאָפּ פאַרדרייט זיך,
יאַנקל־באַנקל יאָגט זיין פערד,
יאָגט זיין פערד און פרייט זיך.

אַ פּוס אַהער, אַ פּוס אַהין
און דאָס פערד אינמיטן,
יאַנקל־באַנקל פייער־פלאַם,
אַז רייטן, איז געריטן.

קלינגען גלעקלאַך, פּויקט די פּויק,
די שאַרמאַנקע זשומעט,
טאַנצט די וועלט אַ קאַראַהאָד,
דרייט זיך אַלץ אַרומעט.

נחום יוד

זומער

וועלף און בערן אין די וועלדער
שאָף און רינדער אויף די פעלדער,
פישעלאַך און פויגעלאַך,
אינגעלאַך און מיידעלאַך, —
אַלע, אַלע קוועלן אָן,
ווען דער זומער־לעב קומט אָן.

י. ה. ראַדאָשיצקי

קוקוק־ליבער זומער

בלימלאַך אויף די לאָנקעס,
ביימלאַך אין גאָרטן,
קאַרשן אויף צווייגן,
פרוכטן אַלע סאָרטן.
היי, היי זומער!
קוקוק־ליבער זומער!

סאַלאַט, קרויט און מייערלאַך
וואַקסן אויף די פעלדער,
מאַלינעס און יאַגדעס
זאַפטיקן אין וועלדער.
היי, היי זומער!
קוקוק־ליבער זומער!

רעטעכלאַך זיך רויטלען,
אוגערקעס זיך גרינען,
אין די בינשטאָקן
האָניק פון די בינען.
היי, היי זומער!
קוקוק־ליבער זומער!

שוואַלבן אין דער לופטן,
אייעלאַך אין נעסטן,
און דער פויגל קוקוט
אויפן וואַלד־בוים, העכסטן.
היי, היי זומער!
קוקוק־ליבער זומער!

לעזן עלבע

אייזל און גרייזל בויען אַ הייזל

אייזל האָט געהאַט אַ פריינט גרייזל. פאַרוואָס האָט מען אים גע־רופן גרייזל? ווייל ער האָט געהאַט געקרייזלטע האָר.

איינמאָל זאָגט אייזל צו זיין פריינט גרייזל:

— לאָמיר בויען אַ הייזל!

— און ווער וועט דאָרטן וואוינען?

— ווער עס וועט זיך לוינען.

— און ווער וועט זיך לוינען?

— עס וועלן זיך געפינען פאַרשוינען. דערהויפט מיר זאָלן בויען.

— און וואו וועלן מיר נעמען ברעטער?

— מיר וועלן שוין געפינען שפעטער.

— שאַ! איך רעכן, אַז מיין פעטער האָט ברעטער.

— איז דאָך טאַקע גוט! און מען נעמט גלייך און מען טוט!

איז מען אַוועק צו גרייזלס פעטער און מען האָט ביי אים געפרעגט, צי מען קאָן נעמען ברעטער.

פרעגט דער פעטער:

— אויף וואָס דאַרפט איר ברעטער?

דערציילן זיי אים אויף וואָס.

זאָגט דער פעטער:

— איר קאָנט נעמען ברעטער, און טאָמער דאַרפט איר אַנדערע זאַכן, זאָלט איר זיך ניט שעמען און קומען נעמען.

האָבן זיי ביידע באַדאַנקט דעם פעטער און גענומען ביי אים ברעטער.

טראַכט אייזל:

— און וואו נעמט מען אַ האַק?

מאַכט גרייזל:

— ביי מיין פעטער אין פאַק.

איז מען ווידער אַוועק צו גרייזלס פעטער און מען האָט געפונען אַ האַק ביי אים אין פאַק.

טראַכט אייזל:

— און וואו נעמט מען אַ האַמער?

מאַכט גרייזל:

— ביי מיין פעטער אין קאַמער.

איז מען ווידער אַוועק צו גרייזלס פעטער און מען האָט ביי אים אין קאַמער געפונען אַ האַמער.

מאַכט אייזל:

— פאַר איין וועג לאָמיר שוין נעמען אַ זעג.

טראַכט אייזל:

— און וואו נעמט מען נעגל?

מאַכט גרייזל:

— ביי מיין פעטער אין וועגל.

איז מען ווידער אַוועק צו גרייזלס פעטער און מען האָט ביי אים גענומען נעגל און וועגל.

מאַכט אייזל :

— און אַט איז שרויפן אַ גאַנצער הויפן!

זאָגט גרייזל :

— טאָ לאָמיר זיך ניט שעמען און טאַקע נעמען. דער פעטער האָט דאָך אַליין געהייסן.

און זיי האָבן אויך גענומען שרויפן פון דעם הויפן, גענומען וויפיל זיי האָבן געדאַרפט, און די איבעריקע האָבן זיי געלאָזן.

— מיר האָבן, דאַכט זיך, אַלץ וואָס מיר דאַרפן! — האָט געזאָגט גרייזל.

— יאָ, נאָר אַ מעסער אַ שאַרפן — האָט געזאָגט אייזל.

אָבער זיי האָבן אויך דאָס געקראָגן. וואו? טאַקע ביים פעטער אין וואָגן!

נו, אַז זיי האָבן שוין אַלץ געהאַט, האָבן זיי גענומען טראַכטן און קלערן, וואו דאָס הייזל צו שטעלן.

— אויפן באַרג דעם הויכן! — זאָגט אייזל.

— שווער דאָס צו דערגרייכן! — זאָגט גרייזל.

— נו, טאָ זאָל זיין אין טאָל! — זאָגן ביידע מיט אַמאָל.

האָבן זיי אויסגעזוכט אין טאָל אַ פּלאַץ. איז אָבער דאָרטן געלעגן אַ שוואַרצע קאַץ.

נעמען זיי זי טרייבן: אַ פּשיק! איז זי אַוועק און געקומען גלייך צוריק.

האָבן זיי זי ווידער געטריבן: אַ-פּשיק! איז זי ווידער אַוועק און ווידער געקומען צוריק.

אַזוי דריי מאָל, און עס איז שווער געווען זי צו פאַרטרייבן פון טאָל.

איז אָבער געקומען אַ הונט, און ער האָט דאָס געמאַכט איינס און צוויי: ער האָט די קאַץ פאַרטריבן, און עס איז פון איר קיין שפור ניט געבליבן.

אייזל און גרייזל האָבן דאַן פאַרקאַשערט די אַרבל און זיך גענומען צו דער אַרבעט.

זיי האָבן געאַרבעט און געאַרבעט, ביז זיי זענען געוואָרן פאַרטיק, און עס איז אַרויס אַ הייזל גאָר גרויסאַרטיק.

אייזל און גרייזל האָבן דאַן איבערגעלאָזט דאָס הייזל און אַוועק אַהיים.

איז דאָס הייזל געשטאַנען ליידיק און פּוסט, און קיינער האָט פון דעם ניט געוואוסט.

איז אָבער איינמאָל אַראָפּ אַ גוס־רעגן און עס זענען בלאָטיק געוואָרן אַלע וועגן.

זענען געקומען זיך צו שלעפן צוויי פאַרשוינען. בערל און שמערל, און זיי האָבן דערזען דאָס הייזל, האָט געזאָגט בערל, — הער, שמערל:

— מיר האָבן דאָך ניט קיין היימען, וועלן מיר דאָ טאַקע וואוינען. זענען געבליבן דאָרטן וואוינען בערל און שמערל.

דוד ראדין

יאַנקעלע־באַנקעלע

יאַנקעלע־באַנקעלע,
גרויסער קאָפּ!
מיט שטיוועלעס
טריפּ, טראָפּ, טראָפּ!

בעטן יאַנקלס
טרערן גרויס:
ווי־זשע קריכט מען
דאָ אַרויס?!

קום אַהער און
נעם זיך, צי!
זשאַלעווע נאָר
נים קיין מי!"

הערט־זשע וואָס איז
נאָך געווען,
און וואָס ווייטער
איז געשען:

זענען שטיוול
גרויס און שווער,
רירט זיך יאַנקל
ווי אַ בער.

נעמט דער טאַטע
פאַר אַן אויער,
נעמט די מאַמע
פאַר אַן אויער.

נעמט דער טאַטע
פאַר אַן אויער,
נעמט די מאַמע
פאַר אַן אויער.

יאַנקלען האָט מען
דאָך געשלעפּט
פאַר די אייערן
געשלעפּט, —

איז ער מיד שוין,
קאָן נים גיין —
בלייבט ער אין די
שטיוול שטיין.

נו, נו, שלעפּט מען
און מען שלעפּט —
יאַנקל איז ווי
צוגעקלעפּט.

שלעפּט מען ווידער
און מע ציט
ביז — יאַנקעלע פון
שטיוול פליט.

האָט מען געצויגן
און געצויגן
און — די אייערן
אויסגעצויגן.

וואָס־זשע זאָל דאָ
יאַנקל טאָן?
שרייבט ער נאָך
אַ בריוול אָן.

מאַכט דער טאַטע
און ער לאַכט:
„בלייבסט דאָ, יאַנקל,
איבער נאַכט".

פון די שטיוול
שיין אַרויס,
איז די פרייד דאָך
זייער גרויס —

אויסגעצויגן —
ביז דער ערד, —
פונקט ווי בא אַן
אייזל־פערד.

קומט דער טאַטע
באַלד צוגיין —
זעט ער אים אין
שטיוול שטיין.

שווייגט די מאַמע
און זי טראַכט:
אין די שטיוול
איבער נאַכט?

טראַכט מען נים
וואָס איז געווען;
זעט מען נים
וואָס איז געשען.

נו, נו, טום זיך
איצטער אָפּ!
יאַנקל האָט אַן
אייזל־קאָפּ.

קומט די מאַמע
באַלד צוגיין —
זעט זי אים אין
שטיוול שטיין.

וואָס־זשע זאָל דאָ
יאַנקל טאָן? —
עס טרייסלט יאַנקלען
צאָן אָן צאָן.

טאַטע־מאַמע
נעמען יאַנקלען —
מאַרש אַהיים מיט
אינבזער באַנקלען.

זענען קינדער
יאַנקלען וואו,
זינגט מען אים אַ
לידל צו:

מאַכט די מאַמע:
„אוי, אוי, אוי!"
זאָגט דער טאַטע:
„רעכט אַזוי!"

קען נים מאַמע
שווייגן מער,
זאָגט זי: „טאַטע,
קום אַהער!

מיינט איר דאָך אַז
שוין, און עק!
יאַנקל־באַנקל
איז אַוועק־

„יאַנקעלע־באַנקעלע,
אייזל־קאָפּ!
מיט שטיוועלעס
טריפּ, טראָפּ, טראָפּ!"

ל. וואַוניק

געפרעגט און געענטפערט

וואָס איז דער אונטערשיד צווישן אַ פערד און אַ קינד?
אַ פערד ווייס בלויז פון היי, אָבער אַ קינד דאַרף וויסן דעם גאַנצן **א. ב.**
מיט וואָס איז מילך גלייך צו אַ בייס־באָל שפּילער?
ביידע לויפן ווען מען קוקט אַוועק.

רעטעניש ן:

39. ער פליט אָן פליגל, ער מויערט אָן ציגל,
ער לייגט זיך ווי אַ האַר און שטייט אויף ווי אַ נאַר?
40. ווען קען מען טראָגן וואַסער אין אַ זיפּ?
41. ווער ווערט געבוירן פליענדיק, לעבט ליגנדיק און שטאַרבט לויפנדיק?

ענטפערס אויף די רעטענישן

1. אַ הייפּטל קרויט.
2. אַ הענטשקע.
3. אַ נייִ מאַשין.
4. דער הימל מיט די שטערן.
5. אַ ווינטמיל.
6. אַ טעלעפאָן.
7. אַ שאָטן.
8. אַ זייגער.
9. אַ בעזעם.
10. אַ האָן.
11. אַ צוואָג.
12. אין שפּיגל.
13. אַ בוך.
14. גאָרניט.
15. אַ „ל".
16. אַ טיש.
17. טרערן פון די אויגן, דער קיניג פון קאָרטן.
18. אַ שטעקן.
19. אַ נעבל.
20. 24 שטונדן.
21. אַ מענטש.
22. אַן איי.
23. די אויגן.
24. הייך איז העכער, אַ קאָץ איז פלינקער.
25. זאַלץ.
26. אַ נאָסע.
27. אַ גרוב.
28. אַ בעזים.
29. אַ בוים.
30. אַ רעגנשירם.
31. אַ בעזים, אָדער אַ וואַקיום רייניקער.
32. אַ שלאָס.
33. אַ נול.
34. עס איז נאָך ניט געווען צוליב וואָס צו פייערן.
35. אַ ראַדיאָ.
36. פיר רעדער אין אַ וואַגאָן.
37. האָר אויפן קאָפּ.
38. צוקער.
39. שניי און פראָסט.
40. ווען וואַסער ווערט געפרוירן.
41. שניי.

שרייבט אָן אונטער די בילדער דעם נאָמען פֿון יעדן בילד
















שרייבט זאַצן מיט די ווערטער פֿון די קעסטעלאַך

שרייבט אָן אונטער די בילדער דעם נאָמען פֿון יעדן בילד
















שרייבט זאַצן מיט די ווערטער פֿון די קעסטעלאַך

שרײַבט אָן אונטער די בילדער דעם נאָמען פֿון יעדן בילד
















שרײַבט זאַצן מיט די ווערטער פֿון די קעסטעלאַך

שרייבט אָן אונטער די בילדער דעם נאָמען פון יעדן בילד
















שרייבט זאַצן מיט די ווערטער פון די קעסטעלאַך

שרייבט אָן אונטער די בילדער דעם נאָמען פון יעדן בילד















שרייבט זאַצן מיט די ווערטער פון די קעסטעלאַך

שרייבט אָן אונטער די בילדער דעם נאָמען פון יעדן בילד















שרייבט זאַצן מיט די ווערטער פון די קעסטעלאַך

שרייבט אָן אונטער די בילדער דעם נאָמען פון יעדן בילד














שרייבט זאַצן מיט די ווערטער פון די קעסטעלאך

שרייבט אַן אונטער די בילדער דעם נאָמען פֿון יעדן בילד















שרייבט זאַצן מיט די ווערטער פֿון די קעסטעלאַך

שרייבט אָן אונטער די בילדער דעם נאָמען פֿון יעדן בילד



















שרייבט זאַצן מיט די ווערטער פֿון די קעסטעלאַך

שרייבט אָן אונטער די בילדער דעם נאָמען פון יעדן בילד
















שרייבט זאַצן מיט די ווערטער פון די קעסטלעך

שרייבט אָן אונטער די בילדער דעם נאָמען פון יעדן בילד
















שרייבט זאצן מיט די ווערטער פון די קעסטעלאך

שרייבט אָן אונטער די בילדער דעם נאָמען פֿון יעדן בילד















שרייבט זאַצן מיט די ווערטער פֿון די קעסטעלאַך

פארלאג